NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09470

# UNTER GOT'S HIMLEN

Henry Rosenblatt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. רויזענבלאט

# אונטער גאט׳ס הימלען

צווייטע זאמלונג לידער

(1915-1920)

ארויסגעגעבען פון
שלום עליכם בר. הונדערט און פיער
איד. נאצ. ארב. פארב., דעטראיט, מיש.
אין יאהר נײַנצעהן הונדערט און צוואנציג

Copyright 1919, by
H. Rosenblatt

א האַרציגען דאַנק די חברות און חברים, מיטגליעדער פון שלום עליכם בר. הונדערט און פיער איד. נאַצ. אַרב. פאַר., דעטראַיט, מיש. פאַר זייער ווירקזאַמער טהעטיגקייט, וועלכע האַט ערמעגליכט די ערשיינונג פון דעם דאָזיגען בוך מיט ליעדער, וועלכען איהר האַלט אין אייער האַנט.

איך פיהל, אַז דורך דעם אויפטו האָט די דערמאַנטע גרופּע פריינד, מיך פאַר איהר אייביגען בעל־חוב געמאַכט. איך צווייפעל אויב איך וועל ביי מיין בעסטען ווילען, ביי מיינע סאַמע ערנסטע אַנשטרענגונגען קענען מיין גאַנצען חוב אָפּצאָהלען...

איך וויל זיך אָבער טרייסטען, און אויך מיינע ליעבע פריינד פון ש. ע. בר., אַז מיט זייער אונטערנעהמונג וועלען זיי אַ מוסטערהאַפטען ביישפּיעל אוועקשטעלען פאַר דער אויפמערקזאַמקייט פון אַזעלכע און עהנליכע אָרגאַניזאַציאָנען ווי זייערע און זיי באַאיינפלוסען נאָכצוטאָן... און דאָס דאַרף זיי טיילווייז באַלוינען פאַר זייער מיה.

איך וויל אויך האָפען, אַז מיט דער אַרויסגאַבע פון מיין בוך וועט דער ש. ע. בר. נים שליסען זיין טהעטיגקייט אויף דעם געביט פון פער־לעגעריי. איך וויל האָפען אַז אָפט וועט די דערמאַנטע גרופּע אונטער־נעהמען עהנליכע אַרבייטען: העלפען דער יונגער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ פאַנאַנדערפלעכטען איהרע צווייגען.

איין גאָט ווייס, ווי נויטיג אַזאַ הילף איז.

נאָך אַמאָל: אַ האַרציגען דאַנק אייך, ליעבע פריינד.

אייער,

ה. רויזענבלאַט

•

אין רעגנענדיגע טעג
בין איך דער רעגנען־ווארעם:
דער אלטער ווערבע־בוים,
וואס וויעגט זיך צווישען קברים...

אין זונידיגע טעג, —
דאס בלויע גלעקעל־בלימעל;
דער הימעל־לערכע׳ס ליעד,
וואס וויבערירט צום הימעל...

# Allein

H. Rosenblatt — Solomon Golub




N'Ginoh Pub. Co.
Chicago, Ill.

# גרויע שעה׳ען

## ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען...

ס'האט אודאי דאן גערעגענט
און א ליכט האט שוואך געברענט
און די שאטענס האבן ווילדע
זיך געהוידעט אויף די ווענט: —
ס'האט די נאכט באוויזען א לעבען,
וואס איז אויף דער וועלט געקומען,
אין א טרויעריגער שעה;
ס'איז א לעבען אנגעקומען
און קיין מזל — איז ניטא!

ס'האט געוויס דער ווינד געליארעמט
און דער לאדען האט געקלאפט,
און אין בודע האט דער הונט זיך
מיט א וואיען אויפגעכאפט: —
ס'האט דער הונט דערשפירט אודאי,
אז א בעטלער איז געקומען
אין א בייזער ווילדער שעה;
אז א בעטלער איז געקומען
און קיין ארט — ז'פאר איהם ניטא!

## געהט מיין לעבען ווי א וואסער

געהט מיין לעבען, ווי א וואסער
איבער בערג און פעלזען־שטיינער —
ציהט א וואסער־שטראָם צום ים זיך
א גליטערטער, א ריינער
איבער זאמד און שארפע שטיינער ...

ברענען מייניג טעג, ווי ליכטלעך
אין א ווינטער־נאכט אהן שטערען —
ווערסטו זעהן די לעצטע פלעמלעך
און צוריק צו מיר זיך קעהרען
אין דער קאלטער נאכט אהן שטערען ?

מיינע האפענונגען טריפען,
ווי עס טריפט פון דאך דער רעגען —
קלאָהר דער הימעל ... בלויז די שינדלען
רעג'נען נאך פונמיינעטוועגען ...
טריפט פון דאך דער מוטער רעגען

## א פארלוירענער טאָג

עס האט בײַ טאג גערעגנט
אונ איך האב זיך געטראכט
די זון וועט נאָך אודאי
זיך ווײַזען ביז פארנאכט.

איצט שטארבט אין גרויען מערב
פון טאָג די לעצטע שעה —
א זומער טאג פארלוירען,
פארלוירען און ניטאָ!

איך קוק זיך אין די כמארעס
פון טריבען הימעל איין: —
מיר דאכט קיין שטערען וועלען
בײַ נאכט שוין אויך ניט זײַן...

## דו ביזט שולדיג

דו ביזט שולדיג אין מיין טרויער: —
איז דערפאר דער טאָג א גרויער
און דער הימעל אזא ברודנער
און אין גאס די מענשען בייזע
און דער רעגען אזא נודנער ...

דו האָסט מיר מיין הארץ פערביטערט:
צאנקט דערפאר דאָס ליכט און ציטערט
און דער זייגער ציהט צוקראָכען
און מיין שאָטען, מיר אנטקעגען,
זיצט די גרויע הענד פערבראָכען ...

## דער הימעל איז כמאַרנע

דער הימעל איז כמאַרנע. עס רעגענט און רעגענט.
און גרוי האָט דער טאָג מיט דער וועלט זיך געזעגענט.
ס'איז נאַכט און עס רעגענט.

דער הימעל איז חשך. עס רעגענט און רעגענט.
דער אומעט האט שווארץ מיט דער נאכט זיך באגעגענט.
ס'איז חשך. עס רעגענט.

א פריהלינגס-טאָג איז מיר פערלוירען געגאנגען;
א נאכט מיט חלומות; א נאכט מיט פארלאנגען —
פערלוירען געגאנגען !

דער ווינד האָט פון דרויסען פערמאכט מיר די לאָדען.
איז זיץ איך אין חשך און וויין אויף מיין שאָדען —
פערמאכט מיר די לאָדען! ...

אָ, ווינד מאך צוריק אויף די לאָדען אָ, עפען !
כ'וויל זעהן, ווי דער טאָג מיט דער וועלט וועט זיך טרעפען —
די לאָדען, אָ, עפען !

## און זאָל די זון פערגעהן

און זאָל די זון פערגעהן.
איך ציה די פאָרהאנגען אראָפּ,
צינד אָן מיין ליכט און לעג אויס
אויף ביידע הענט מיין מיעדען קאָפּ —
האָ, גוטע נאכט !

איך האָב דאָס ליכט געקויפט
און האָב אליין באצאָהלט דערפאר.
די זארג אין קאָפּ — מיין אייגענע
און מ י י נ ע ר איז אין הארץ דער צער —
האָ, גוטע נאכט !

## וואָס זאָל איך טהאָן?

וואָס צינד איך גאָר דאָס לעמפּעל אָן?
אליין אין הויז וואָס וועל איך טהאָן?
דאָס לעמפּעל צאנקט,
דער שאָטען קוקט מיך אָן —
וואָס זאָל איך טהאן?
וואָס זאָל איך טהאָן!

וואָס ציה איך גאָר מיין זייגער אָן?
וואָס האָב איך מיט דער צייט צו טהאן?...
דער זייגער קלאפּט,
דער שאָטען קוקט מיך אָן —
וואָס זאָל איך טהאן?
וואָס זאָל איך טהאָן!

## ווי גוט איז מיר צו זיין אליין

דאס ליכט געהט אויס
דער הייסער שטערען אויף מיין הארטען פויסט —
ווי גוט איז מיר צו זיין אליין
פון קיינעם ניט געטרויסט !

כ'האב אויסבעהאלטען זיך פון זיי
און א ל ע מ ע ן דעם ג א נ צ ע ן טאג אזוי גענארט
דער אמת?! — הא, ווי ס'גליהט דער קאפ,
דער פויסט, ווי קאלט, ווי הארט !

ווי גוט איז מיר צו זיין אליין !
דער טאג איז ווייט, די גרויע נאכט איז דא —
די איינזאמקייט — איז מ י י נ ע בלויז !
און מ י י נ ע איז די גרויע שעה !

## זוי גוט איז מיר, וואָס איך פארשטעה

ווי גוט איז מיר. עס צאנקט מיין ליכט!
איצט פיהל איך צווישען מיינע הענד
דיין טריעב און טרערען־פייכט געזיכט ...
ווי גוט איז מיר, וואָס איך פארשטעה — — — —
אוי, ווינד איז מיר און וועה!

ווי גוט איז מיר. דאָס ליכט איז טוידט!
איצט זעה איך אין דער פינסטערניש:
די אויגען דיינע אויסגעוויינט און רויט ...
ווי גוט איז מיר, וואָס איך פארשטעה — — — —
אוי, ווינד איז מיר און וועה!

## שטאַרקער קלאַפּט דער רעגען

שטאַרקער קלאַפּט דער רעגען
אין די שויבען,
פינסטערער די נאַכט.
נאָר דעם קאָפּ ניט
אויפגעהויבען, —
האַלט די אויגען פעסט פאַרמאַכט:
ס'וועט דאָס לעמפּעל לאַנג ניט צאַנקען,
ס'וועט דער זייגער לאַנג ניט קלאַפּען —

אַבגעריסענע געדאַנקען,
ווי שכּורים אין דער פינסטער,
וועלען שלעפּען זיך און וואַנקען,
וועלען זוכען בלינד און טאַפּען —
ס'וועט דער זייגער לאַנג ניט קלאַפּען ...
ס'וועט דאָס לעמפּעל לאַנג ניט צאַנקען,

## אָ, גאָט מיין הארר!

א האלבען לעבען אויסגעבערענט
און האָב דיין וועלט נאָך ניט דערקענט.
און טאָג אויף טאָג, אזוי ביז היינט,
האָט איבער מיר דיין זון געשיינט.

און נאכט אויף נאכט האָסטו פאר מיר
געצונדען שטערען אָהן א שיעור,
כדי... כדי, האָ, גאָט, מיין הארר!
אז איך זאָל זעהן: — איך בין א נאר.

א האלבען לעבען אויסגעבראכט —
איצט, זיצט א נאר אין מיטען נאכט
דעם קאָפּ באגראָבען אין די הענד: —
אזוי פיעל זונען אויסגעברענט,

אזוי פיעל שטערען אויסגעשטראלט
אוי ערשט — ס'איז פינסטער, גייסט און קאלט!...
א ים מיט ווייסע ליכט פארשווענדט,
און איצט? — א נאכט־לאָמפּ רויכיג ברענט...

און דאָס איז אלץ און דאָס איז גאָר.
דיין וועלט, — א טרוים מיט גרויע האָר.
דיין גאנצער סוד — אָה, גאָט, מיין הארר: — —
איך בין אליין און בין א נאר!

## די לעצטע סעודה

ס'איז אומעטיג קאלט אין דער איינזאמער נאכט.
געקויפט האָט ער ליכט און האָט ליכטיג געמאכט.
געקויפט האָט ער בלומען, געקויפט האָט ער וויין
און זאָגט צו זיין שאָטען: „נו פרעהליך זאָל זיין!"

„פאר ד י ר און פאר מ י ר האָב איך יום טוב געמאכט,
איז, — לאָמיר פערהוליען די איינזאמע נאכט".
„לחיים! נעם נאָך איינס". — „לחיים טרינק דו!"
זיי טרינקען און זינגען און פליעסקען זיך צו.'

זיי זינגען און טרינקען און פיהלען זיך גוט.
עס זיעדט אין די אָדערען רויטער דאָס בלוט:
דערמאָנט מען די יוגענד, מען רעדט ניבול פה ...
דערשרעקט זיך דער שאָטען: „וואס פלאפעלסטו, פע־ע־ע!"

„ביזט שכור", שטראָפט ווייטער דער שאָטען און לאכט:
„גענוג שוין, גענוג דיר זיך נאריש געמאכט!
דיין פלאש איז שוין ליידיג, דיין ליכט געהט שוין אויס,
די בלומען פערוויאנען, נעהם ווארף זיי ארויס!"

„ניין, שכור ב י ז ט ו גאָר, און שכור, — ווי לוט!
דאָס ליכט מיינס ברענט לויטער, דער וויין פייערט רויט!
עס דופטען די בלומען, און דופטען נאָך פריש.
און דו — ב י ז ט מ י י ן א י י נ צ י ג ע ר א ו ר ח ב י י ם ט י ש.

עס כיכעט דער שאָטען ... אויף יענער זייט וואנט
אזוי ווי א האמער שלאָגט כעס'יג א האנד:
„פארלעש דאָרט דיין גראָשעדיג ליכט און א סוף !
טרינק אוים דאָרט דיין ראָזשינקעס־וואסער און — שלאָף ! ! ״

*   *   *

די בלומען פארוויאנעט, פארלאשען די ליכט,
א זייגער וואו קרעכטשעט אָהן כחות און קריכט,
און ס'טריפען די רגע'ס און שווער איז די שעה,
דער שאָטען, דער איינציגער אורח — ניטאָ !

## אומעטיג איז מיר

געשטאָרבען איז מיין בענקעניש
מיין בענקעניש נאָך דיר.
געשטאָרבען איז מיין לעצטע טרייסט! —
און אומעטיג איז מיר,
אומעטיג איז מיר!

וואָס טהו איך מיט די אוועגרעןף?
וואָס טהו איך איצט מיט זיי? —
וועל בענקען נאָך מיין בענקעניש! —
אוי, ווינד איז מיר און וועה,
ווינד איז מיר און וועה!

## האָסט אויסגעפיהרט

האָסט אויסגעפיהרט.
ווי גוט איז דיר!
איצט זיצסטו פאַר מיין טיהר
בעדעקט פון קאָפּ ביז פיס אין שטויב.
די זון פערגעהט און דו —
א ווייסע טויב.
האָסט אויסגעפיהרט.

האָסט אויסגעפיהרט.
און — גוט אזוי! —
דער אוועגט — קיהל און גרוי,
איז צינד איך אָן א חלב'ען ליכט —
א געלער שימער פלאַמט
אויף דיין געזיכט: —
האָסט אויסגעפיהרט!

האָסט אויסגעפיהרט.
און דו ביזט שטאָלץ!
נו, וואַרט כ'וואַרף צו א שייטעל האָלץ,
דאָס פייער געהט באַלד אויס, מיר דאַכט: —
דאָס לעצטע שייטעל שוין...
א גוטע נאַכט!
האָסט אויסגעפיהרט...

## מאך צו דיין בוך

מאך צו דיין בוך. פערלעש דאָס ליכט,
און רעד צו מיר — נאָר ניט פון פליכט!
כ׳בין מיעד, כ׳בין קראנק,
איך ווייס אליין אז דו ביזט גערעכט —
עס טהוט מיר באנג,
עס טהוט מיר באנג!

איך האָב געפרואווט... איך האָב געוואָלט...
און אלעס, וואָס איך האָב געזאָלט...
פערשטעה, פערשטעה!
איך ווייס אליין אז דו ביזט גערעכט...
דאָס הארץ טהוט וועה,
טהוט וועה, טהוט וועה!

נעהם דריק צו מיר זיך צו... אזוי. —
דיין ליפּ איז רויט, דיין אויג איז בלוי,
דיין אטהעם גליהט,
דיין באק איז פייכט... עס טריפט דער טהוי...
אין הארצען ציהט,
און שפּראָצט און בליהט...
ס׳איז גוט אזוי!

## דו לעבסט ביי מיר אין דמיון בלויז

דו לעבסט ביי מיר אין דמיון בלויז.
און דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג;
אָט, פונקט, ווי ס'לעבט אין אויג פון בלינד געבוירענעם
דאָס ווייסע ליכט פון זומער־טאָג,
אזוי לעבסטו ביי מיר אין דמיון בלויז.

איך האָב דיך קיינמאָל ניט בעגעגענט נאָך
און ווייס פונדעסטוועגען, ווי דו זעהסט אויס.
איך האָב אין דיינע אויגען קיינמאָל ניט אריינגעבליקט
און ווייס אז דיינע אויגען זיינען טיעף און גרויס.
די ליפּען דיינע האָב איך קיינמאָל ניט באַרירט
דאָך ווייס איך, אז די ליפען דיינע דארפען זיין,
ווי האָניג זיס, ווי רויזען פריש און שמעקענדיג ווי ווייז...

איך האָב דיך קיינמאָל ניט בעגעגענט נאָך
און אויף די וועגען זוכען דיך, — וועל איך ניט געהן:
אין שטילקייט פון דער שטערען־בלויער נאַכט,
מיט אויגען צוגעמאכט,
אין חלום בלויז וועל איך דיך זעהן.

אין חלום. הא, ווי דו זעהסט אויס!
די אויגען דיינע, ווי די שטערען בלוי און גרויס,
די לאָקען שווארץ, ווי טרויבען און פון אונטער זיי
צוויי רונדע שולטערן ווייסע ווי דער שנעע,
און ליכטיג־ראָזע בריסטען צוויי,
און ליפען רויט און פריש און קליין
און ווייסע פערעלדיגע צייהן
אין טרערען קלאָהר און ריין...

האָ, ווי דו זעהסט אויס,
ווי ד ו זעהסט אויס!

## די ערוואכונג

פון ראָזען מזרח קומט די זון א גאָלדענע צושווימען
און לויטער גיסט דער מאָרגען זיך צונויף אין טויזענד שטימען.

איך האָב די גאנצע נאכט געוואכט און קום אהער א מיעדער
צו הערען, ווי די פרייד ערוואכט אין ריחות און אין ליעדער.
עס רוישט דער סאָד און וויעגט בעזאכט די
שאָטענדיגע צווייגען ...
זאָל זינגען ווער עס וויל זיין ליעד; איך איינער בלויז
וועל שווייגען.
דער פויגעל האט זיין נעסט געמאכט, זיין ליעבסטע
גרינג געוואונען,
די ביען האט זיך איהר רויזענקוסט געזוכט און גיך געפונען,
דער וואסער־שטראָם איז פון די בערג בשלום אָנגעקומען:
דער וועג מיט גאָלד געפלאסטערט און די בריעגען
פול מיט בלומען.

עס רוישט דער סאָד און וויעגט בעזאכט די
שאָטענדיגע צווייגען.
זאָל ווייזען יעדער מין זיין פראכט — איך האָב ניט וואָס
צו צייגען

עס חנ׳דעלט זיך די רויז: „דער טוי איז מיר צוליעב געפאלען”.
עס טאנצט דער שמעטערלינג: „פאר מיר שפינט גאָט
די זונען שטראהלען”.
דער זשוק שפרייט אויס אין העלען ליכט די ברוינע
אָטלעס־פליעגלען,
די וואָלקען־פליטער קומען אין דעם וואסער־שטראָם
זיך שפיעגלען.
אין גרינעם סאמעטענעם גראָז די בלימעלעך זיך מינען:
מיר שפיעלען זיך „בעהעלטעניש”, אָט פרוב זיך אונז געפינען!
א בראָנזיג־ברוינע מוראשקע שלעפט שווער א שטרוי און
איילט זיך,
זי דארף איהר בנין ענדיגען און האט אין וועג פערווייל זיך.

עס רוישט דער סאָד און וויעגט פערטראַכט די
שאָטענדיגע צווייגען.
זאָל זינגען ווער עס וויל און מיך — וועט גאָט פערשטעהן
און שווייגען

## צו דער נאכט

א מיעדער ווארט איך אויף דעם ראָזען זונען־אונטערגאנג.
פון רווישידיגען מארק־געשריי, פון חולי־נופלים'דיגען טאָג
וועט בלייבען בלויז א ציטערדיגער קלאנג,
א ווידער־קול ווי פון א שכור'ענ'ס געזאנג ...

א מיעדער ווארט איך אויף דאָס רוישען פון דיין זיידען קלייד,
אויף דיינע שאָטען־שטילע טריט, דיין קיהלען אטהעם־צוג;
אויף דיינע הארצעדיגע ניט גערעדטע רייד,
אויף דיין בעהאלט'נער אינערליכער פרייד.

כ'בין מיער, כ'בין מיעד. אָ, קום מיין מלכה, קום צו מיר.
דעם שטויב פון שליאך האָב איך אראָבגעקעהרט ביי מיר
פון שוועל
און ברייט געעפענט האָב איך פון מיין צעלט די טיהר
קום זעץ זיך. אוי, ווי גוט ס'איז לעבען דיר !

איך וועל מיין מיעדען קאָפּ בעהאלטען אין דיין
בליהטען־קיהלען שויס,
און פיהלען דיינע סאמעט־ווייכע האַנד אויף מיינע
ציטערדיגע האָר,
און פיהלען דיינע בלויע אויגען, ליכטיג־מילד און גרויס;
און פיהלען, ווי דאָס חיות געהט מיר רוהיג אויס ...

## דער לעצטער רוף

מיר האָבּען שטיל בּעגלייט די לעצטע פריהלינגס־נאכט.
בּעגינען האָבּען זיך די רויזען אויפגעמאכט
און בּיי דער זון אויף ליכט די ריחות אויסגעטוישט;
און עמיצער פון שיין געוואָרען איז בּערוישט
און אויסגעבּראָכען אין א יובּלענדען געזאנג.
דאָס האָט די יוגענד־פרייד, וואָס איז א ווינטער לאנג
אין קייטען זילבּערנע געלעגען איינגעשמידט,
א הארץ צושמעטערט און בּעפרייט זיך אין א ליעד.

און איבּער וואלד און פעלד און איבּער בּארג און טהאָל
געשאַלט, ווי א טראָמפּייט פון זילבּער, האָט זיין קול.

א יעדערער פון אונז געזעסען איז פערקלערט,
די האנד בּיים אויער און אין ליעד זיך איינגעהערט.
די יוגענד האָט זיך אויף א מאָל צו אונז ענטפּלעקט
אין יובּלענדען געזאנג און ס׳הארץ געוועקט, געוועקט ...
און עמעץ געבּען מיר האָט פלוצים אויפגעוואכט,
געטאָן א שטילען זיפץ און כּלומר׳שט זיך צולאכט.
א צווייטער בּיי מיין זייט האָט עפּעס ווי צומישט
געשמייכעלט און פערשעמט די אויגען זיך געווישט.
א דריטער האָט צום שטערען צוגעדריקט די האנד,
געקוקט אין הימעל און א נאָמען שטיל דערמאָנט.

און איבּער וואלד און פעלד און איבּער בּארג און טהאָל
געקייקעלט האָט זיך ווייט פון ליעד דאָס ווידער־קול ...

## מאַך זיך האַרץ

דאָס געלע בלאַט פון בוים — רייס אָפּ,
די גרויע האָר — רייס אויס פון קאָפּ
און דריק דיין ליעבסטע האַרציג צו.
חריק שטאַרק! — ביזט יונג דו, טפּש דו!

ווערט במאַרנע, קיהל — פאַרשלאָף די שעה
און כאַפּ זיך אויף ווען ז'איז ניטאָ.
אין שטערען קומט אַ קנייטש דיר צו —
דאָס איז פון קלעהרען, טפּש דו!

און ווערט דיר אומעטיג אַמאָל —
צוזינג זיך האַרציג, אויף אַ קול.
זינג רעש'יג, הויך און פליעסקיע צו: —
ביזט פריילעך, פריילעך! טפּש דו.

## און אַט אזוי...

און אַט אזוי גאָר אָהן אן עק: —
דער פריהלינג קומט און געהט אוועק,
דאַן קומט דער זומער און פערגעהט;
דער הערבסט — פון כמארנע טעג באגלייט
און דאַן דער ווינטער און — עס שנעעט.
און אַט אזוי געהט יאָהר נאָך יאָהר
און גרויער, גרויער ווערען מיינע האָאָר !

און אַט אזוי גאָר אָהן א סוף —
ניט וועק מיך אינדערפריה פון שלאָף !
איך האָב דאָס אלץ געזעהן שוין: —
די בלעטער זענען געל און ברוין,
דער הימעל איז פארכמארעט, גרוי,
דער נעבעל פייכט, די ווינטען רויה.
דער טאָג איז קיהל, דער אווענד קאלט,
איך וויים דאָס אלץ — ס'איז אלט, **ס'איז אלט !**
און אַט אזוי געהט יאָהר נאָך יאָהר
און גרויער, גרויער ווערען מיינע האָאָר !...

## דער פאָרהאַנג

ציהסט דעם פאָרהאַנג שטיל ארונטער.
קאַלט די נאכט. עס פאַלט דער רעגען —
דורך דעם פאָרהאַנג זעה איך דיינע
פולע אָרעמס זיך בעוועגען.

קעמסט די האָר און שווארצע פאַלען
זיי אריבער דיינע אויגען —
אויפגעשפּיצטע מיידעל־בריסטען,
רונד־געטאָקטע עלענבויגען ...

פאַר דיין נאכט־לאָמפּ, פאַר דיין שפּיעגעל
ווייזטו דיינע צארטע גליעדער —
קאַלט ... עס רעגענט ... פאַר דיין פענסטער
קניהט אַן איינזאמער, א מיעדער ...

## דער ניט געבעטענער

שפּעט. עס חלומ׳ען שוין אלע
בלויז א „טעקסי״ ערגעץ רודערט:
פון א חופּה פאָהרט אודאי
דאָרט א היים א חתן־כלה ...

איינס אין צווייטען איינגעטוליעט
זיצעןביידע אינדערפינסטער
פון דעם קדושין־וויין בערוישטע,
פון די פיעדלען איינגעליולעט ...

זיס און הארציג ציהען פליטען.
וויין און ווייסע רויזען שמעקען —
פאָהרט פאַמעלעך. איך וועל לאנגזאם
אייך ביז אייער נעסט בעגלייטען ...

## איהר מיינט קיין בייז

**איהר מיינט קיין בייז ... איך וויים עס קלאָהר.**
און דאָך, פארגאלט איהר מיר די יאָהר
מיט איי'רע שמייכעלהאפטע רייד,
מיט אייער ש ר י י ע נ ד י ג ע ר פרייד,
מיט אייער האָניג־זיסער ליעב —
ס'איז שטויב, ס'איז שטויב !...

וואו איז דאָס שטילע וואָרט, וואָס פאלט,
פון קלוגען שמייכעל העל בעשטראהלט ?
די ריינע פרייד, וואָס טריפט אזוי,
ווי ס'טריפט פארטאָג גאָט'ס פריהלינג־טוי ?...
וואו איז די ליעב, — בערעכענט, קלוג ?
**איין אמת וואָרט איז דאָך גענוג!...**

## מיינע געפיהלען

מיינע געפיהלען? —
קאפריזען, ניט מעהר!
און וואָס איז מיין טרער?
א שוואכקייט... וואָס דען?!

ווייך איז מיין קישען
און פייכט איז מיין באק —
אוי, ווייגט זיך געשמאק
אליין ביי דער נאכט!...

# איך עקשן זיך איין

איך עקשן זיך איין:
כ׳וועל ברוגז איצט זיין;
פון אייך וואו אוועק —
מיך כאפּט אַן א שרעק!

ניט נעהמען וועט לאנג
מיין איינזאמער גאנג,
און א ל ע וועט איצט
פערגעסן אַן מיר...

## א שטערען

פאלענדיג פון הימעל
האָט ער העל געברענט
כ׳האָב מיט ווילדען פחד
אויסגעשטעלט די הענט.

ווי א בליץ פון הימעל
איז ער פלינק אראָפּ.
איינגעבויגען האָב איך
אזש פון שרעק דעם קאָפּ.

אין דער פינסטער האָט ער
ערגעץ ווייט פערבליצט.
וועמעס שטערען איז ער ?
און וואו איז ער איצט ?!

## איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מיין שוועסטער זיין

איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מיין שוועסטער זיין,
מיר זיין א שוועסטער הארציג, ליעב און טריי.
איך ווייס דאָך, אז דער האָניג־חודש וועט פערביי
און בלייבען וועט — א טויטע בלום, א ריח פון וויין,
אן האלב־פערשלאָפען אויג, א שמייכעל קרענקליך בלאס:—
זכרונות פון א זיסען טרוים...
עדות אויף א שעהנעם קינדער־שפּאס...

אָט האלט איך אין מיין האנד א פריש־געפליקטע רויז:
די צארטע בלעטלעך איהרע ציטערן שטיל און לייכט,
איך פיהל, ווי ס'אָטהעמט קיהל און טויאיג־פייכט
די יונגע זומער־נאכט פון יעדען בלעטעלע ארויס...
א וויילע. און, — ס'פערגעהט דער האָניג אראָמאט,
און אויף מיין ציטערדיגער האנד
פיהל איך הויבט אָן פאלען — בלאט נאך בלאט!...

## די נסיעה

(יהואש'ען)

ערגעץ אויף א ווייסער וועלט,
שטעהט א ליכטיג־קלאָר געצעלט.
און א סטעזשקע, גאָלדיג־העל,
ציהט זיך ביז ארויף צום שוועל.

און אין ווייסען, קלאָרען צעלט,
שטעה'ן אין רייהען אויסגעשטעלט
ליכטיג, ציכטיג קליינע וויעגען,
און אין זיי — חלומות ליגען;
ליגען שמייכלענדע און שלאָפען,
און די טיר פון צעלט — איז אָפען.

דורך דער ווייסער ברייטער וועלט,
ביז צום ליכטיגען געצעלט,
שפאנט א מלאך דורך דער נאכט;
שפאנט א מלאך שטיל און טראכט.
קומט צום שוועל און שטעלט זיך אָפּ,
טוט א זיפץ, בויגט איין דעם קאָפּ.
שטעהט א רגע, הערט זיך איין,
און ער געהט אין צעלט אריין;
זוכט א ווייל, וועקט צום סוף
אויף א חלום שטיל פון שלאָף,
טוליעט איהם צום האַרצען צו:
איי־ליו־ליו־ליו — — איי־ליו־ליו ...
שטיל און רוהיג — איי־ליו־ליו ...

* * *

ערגעץ אויף א כמארנער וועלט,
שטעהט א ווינטער־גרוי געצעלט.
און א סטעזשקע ליימיג־געל
פיהרט ארונטער ביז צום שוועל.

און אין טונקעלען נעצעלט
אלטע מעבעל אנגעשטעלט;
ס'הענגט א זייגער, ס'הענגט א שפיגעל,
און אויף שטריקלעך פיער — א וויעגעל.
און דאס וויעגעל, — קאלט און לעער.
און צוקאפענס הענגט א טרער.

דורך דער כמארנער, קאלטער וועלט,
ביז צום ווינטער־גרויען צעלט
געהט דער מלאך ביי דער נאכט;
קומט און טרעפט די טיר פארמאכט.
קלאפט ער לאנגזאם אן אין איהר,
טוט א קרעכץ די פוילע טיר...
שטעהט דער מלאך, הערט זיך איין,
טוט א זיפץ און געהט אריין;
געהט צום ווינעל צו מיט שרעק,
לעגט דעם חלום שטיל אוועק,
בויגט זיך איין און דעקט איהם צו:
איי־ליו־ליו־ליו — — איי־ליו־ליו ...
שטיל און רוהיג — איי־ליו־ליו ...

## רוהיג, טפש...

האָט צוויי ליכט מיר אָנגעצונדען,
שטיל מיין לאָדען צוגעמאכט,
מיט א זיפץ, א ווייסען פעקעל
צו מיין בעט מיר צוגעבראכט.
און דערנאך, — אוועק אין ווינקעל
און זיך אויסגעטאן די שיך.
— הער נאָר פרעמדער, זאָג, ווער ביזטו?!
— רוהיג, טפש, דאָס בין איך!

זיצט באטריעבט אויף דר'ערד דער פרעמדער,
לעבען איהם, ליגט אויסגעשטרעקט
עפעס רוהיג, ווי פארגליווערט
און מיט שווארצען צוגעדעקט...
זיפצט דער פרעמדער: בויגט זיך איבער,
דעקט עס אָפּ און דעקט עס צו.
— הער, וואָס ליגט דאָרט אויסגעצויגען?!
— רוהיג, טפש, דאָס ביזטו!

# ווייסע וואָלקען-פּליטער

## איהר דארפט ליכט און לאָמפּען צינדען

א י ה ר דארפט ליכט און לאָמפּען צינדען
און סערווירען רייך די טישען.
א י ה ר דארפט בלומען, שעהנע פּרויען,
און געטראנקע שטארקע מישען...
א י ה ר דארפט ליעדער, הויך און הילכיג,
און כלי־זמרים זאָלען שפּיעלען:
ווארום, — ס׳פעהלט אייך א נשמה
אום די יום־טוב־פרייד צו פיהלען...

א י ך, דארף בלויז איינאיינציג ליכטעל
אויף מיין אָרעם טישעל צינדען
ברויט מיט זאלץ, און זי, מיין ליעבסטע,
זאָל איהר האָר־באנד איבערבינדען:
און עס וואַכען טויזענד ליעדער,
און כלי־זמרים, הונדערט, שפּיעלען,
און — עס ציטערט מיין נשמה
אין די יום־טוב־פרייד־געפיהלען...

## שטראַהלען

א רעגען געגאָסען, א רעגען געגאָסען
איצט האָבען זיך קנאָספען פאַנאַנדערגעשלאָסען,
אין געל־גרינע בעכערלעך, שנעע־ווייסע בליטען
א בליט און א ראָזע קארעל אינדערמיטען,
א בליט און א רויטע קארעל אינמיטען...

א רעגען געגאַנגען, א רעגען געגאַנגען.
איצט וויעגען זיך, וויעגען זיך העל־גרינע זאַנגען,
און וואו־ניט־וואו הוידעט אין פעלד זיך א בלימעל
און קוקט א פערטרערטע צום העל־בלויען הימעל,
און שמייכעלט, א רעגען־פערוויינטע, צום הימעל...

א רעגען געפאַלען, א רעגען געפאַלען.
איצט פלאָנטערן זיך באַבעטשקעס צווישען די שטראַהלען
און טאַנצען ארום אין די גרין־געלע גראָזען,
די פליעגעלעך גלאַנציג פאַנאַנדערגעלאָזען,
די גאָז־בלויע פליעגעל פאַנאַנדערגעלאָזען.

א רעגען געגאַנגען, א רעגען געגאַנגען.
עס צאַפּלען אין הארצען זיך פריהלינגס־פערלאַנגען —
אין אויג ביי דיר שמייכעלט מיר לויטער מיין הימעל...
א שמעטערלינג פלאַטערט... עס שמייכעלט א בלימעל...
א שטערענדעל בלישטשעט... עס ציטערט א בלימעל...

## איין שעה

איך וויל איצט ניט טראכטען,
איך וויל גאר ניט קלערען:
ווי לאנג וועט דער פריהלינג,
דער פריהלינג געווערען?

דער הימעל איז לויטער,
עס פינקלען די שטערען...
איך וויל איצט ניט טראכטען,
איך וויל איצט ניט קלערען!

איך וויל גאר ניט וויסען,
איך וויל איצט ניט זארגען —
מיין קאפ אין דיין שויס
וועל איך, ליעבסטע, פארבארגען.

זאל רעגענען שפעטער, —
זאל רעגענען מארגען!
איך וויל גאר ניט וויסען,
איך וויל איצט ניט זארגען.

זאל קומען דער שפעטער.
איך וויל זיך ניט שרעקען.
איך פרעג ניט: ביז ווען וועט
דיין האניג מיר קלעקען...

די טוי־טראפען פינקלען,
די קווייטעלעך שמעקען.
זאל קומען דער שפעטער —
איך וויל זיך ניט שרעקען!...

## יונגע הערצער

בלויע אויגען,
בלאָנדע האָר,
אלט — סך הכל
זעכצעהן יאָהר.

ברוינע אויגען,
שווארצע האָר.
אלט אודאי —
אכצעהן יאָהר.

* * *

נאכט און פריהלינג...
ליכטיג, בלוי,
פינקלען שטערען,
פאלט דער טוי.

שלאָפט דער טאטע...
שאַ אין הויז,
ווינקט א שטערען: —
„קומט ארויס!"

„קיינער זעהט ניט
און איך היט...
ווייכע גראָזען,
שטילע טריט..."

שפרייזען שאָטענס
גנב'יש־שטיל.
בליצט א טייכעל,
רויש א מיהל.

הילכען זיפצען
אין דער נאכט: —
ס'האָבען הערצער
צוויי ערוואכט.

קלינגען קושען
אין דער נאכט:
שוין!... צוויי הערצער
אויפגעמאכט...

רוהיג, הערצלעך...
בלויז די גריל
פרעפעלט פאר זיך
אין דער שטיל.

אלטע פייגעל —
שלאפען מיד.
בלויז דעם יונגסטען
שלאפט זיך נים.

טיעף אין הערצעל
אויפגעבליהט
האט צום ע ר ש ט ע!
מאל א ליעד...

## רעגען מיעדקייט

קלאפּט דער רעגען מיעד אין דאך.
וועקט פון זיסען שלאָף:
איך פערגרייט אויף מאָרגען פריה
פּאשע פאר די שאָף.״

אין דעם רעגען קלינגט א גלאָק
אומעטיג און זאכט:
ערגעץ בלאָנקעט זיך א קוה
אין דער שפּעטער נאכט.

עמעץ טיאָפּקעט אויף דעם שליאך
די צוואווייקטע ליים:
זיך פערזעסען ערגעץ־וואו —
איילט ער זיך אהיים.

פויקט דער רעגען שטיל און וואַרפט
אָן אויף מיר א שלאָף.
חלום׳ט מיר א גרינער טהאָל
און א סטאדע שאָף.

כ׳הער אין שלאָף דער פּאסטוך פייפט
שטיל זיין מעלאָדיע.
גלעקער קלינגען אויס צום טאקט
נאָך די טריט פון קיה.

ערגעץ נאָהענט אין די בערג
גאלאָפּירען פערד.
ערגעץ רוישען גאָלדענע
זאנגען אויף גאָט׳ס ערד.

פלאמט אין מזרח אויף די זון,
שטראהלט אויף בארג און טהאָל.
זינגט א פויגעל און עס קלינגט
מיר אין שלאָף זיין קול.

רעגען טראָפּען... גלעקער־קלאַנג...
פּייפּעל... פֿויגעל־ליעד...
וועבען אין מיין חלום זיך
עפּעס זיס און מיעד...

## אין די בערג

אום האלבער נאכט. איך ליג און וואך.
א רעגן פויקט מיט האסט אין דאך,

און פאר מיין פענסטער שווער, ווי בליי,
די וואלקנס שארן זיך פארביי.

א בליץ פון הימעל רייסט זיך לויז
און הילט אין בלויען פלאם דאס הויז.

א דונער ערגעץ אין דער נאכט
בעהאלטען אין די כמארעס — לאכט...

נאר איך ליג רוהיג, שטיל. איך וויס,
אז מיר וועט ניט געשעהן קיין בייז.

דען אין א ווינקעל פון דעם דאך
א טויבען־פאר, ווי איך, ליגט וואך

און הערט, מיט אויגען האלב פערמאכט,
זיך איין אין שטורעם פון דער נאכט.

און טרייבט א בליץ פון נעסט די רוה,
רוקט איינס צום צווייטען שטיל זיך צו

און ברומט מיט ליעבע, צארט און זאכט
און טוליעט זיך געטריי און וואכט...

איך קלעהר: אויב גאט אן מ י ר פערגעסט,
געדענקט ער דאך דאס טויבען־נעסט.

אין זייער זכות וועט גאט, דער האר
די נאכט מיך היטען פון געפאהר.

## דאָס פערבאָרגענע

פון צווישען ווייסטע בערג
דער וואסער־פאל שפרינגט מונטער
מיט קלאנג און פרייד־גענזאנג
די שטיינער־טרעפּ ארונטער.

א זון פון ריינעם גאָלד
איהם שפּיעגעלט זיך אנטגעגען
און וואָלקען־פליטער זיך
אריבער איהם בעוועגען.

דער טהאָל איז גרין און קיהל
און בּיי די ברעגען דרימלען
זיך שלאנקע ווערבעס שטיל
אין מיטען פון צוויי הימלען.

טהאָל־איין טהאָל־אויס זיך ציהט
זיין נייער פרייער וואנדער
און ברייטער פליסט און גיסט
זיין וואסער זיך פאנאנדער.

נאָר אָפּט, ווען איבער איהם
א בלינדע נאכט פערשפּרייט זיך
און אין די ווערבעס ווייגט
א ווינטעל און פערגעהט זיך,

וואכט אויף דער היים־וועה פריש
און ס'רוישט דער טייך און זשומעט —
פערגעסען קען ער ניט
דעם אלטען קאלטען אומעט.

## דער שטומער סוד

אין דעם זילבער־העלען
שיין פון דער לבנה
שווימט ארום א שיפעל
אויף די בלויע וועללען.

ביידע וויאָסלעס ליעגען
אויף דעם דעק פון שיפעל
און די דריבנע וועללען
הוידען דאָס און וויעגען.

עמיצער, א בלאסער,
איז אין דעם געזעסען,
האָט געוויענט, געוויענט זיך
און — אריין אין וואסער.

רונד ארום דעם לעהרען,
גרויען שיפעל שווימען
אויף די בלויע וועלן
טויזענד בלאסע שטערען.

## א פישער־ליעד

נאָך לאנגע נעכט און בייזע טעג,
די שיפלעך רוהען נעבען ברעג;
די שיפלעך רוהען אָפּ פון וועג —
נאָך לאנגע נעכט און בייזע טעג.

די אלטע פישער זיינען מיעד.
די יונגע — עט, קיין אונטערשיעד:
דער ים איז ים און ליעד איז ליעד —
די אלטע פישער שלאָפען מיעד.

דער ים האָט זיך געראנגעלט לאנג,
דאָך איז געראָטען זיי דער פאנג.
און איצט, ווי טרינקט מען אָהן געזאנג? —
דער ים האָט זיך געראנגעלט לאנג.

איין פישער זינגט מיט ווילדען ברען:
ווען מיידלעך וואָלטען פיש געווען!
ווען וואָלט מען מ י ך אין דר'היים געזעהן? —
דער פישער זינגט מיט ווילדען ברען.

א צווייטער זינגט מיט מעהרער פלאם:
מיט נעצען פאנג איך פיש אין ים,
און מיידלעך, — מיט א רינג, א קאם —
דער יונגער פישער זינגט מיט פלאם.

א דריטער זינגט און קלאפּט אָן טיש:
מיט שנור און אטשיק כאפּ איך פיש,
און מיידלעך, — מיט א וואונק, א קוש...
דער פישער זינגט און פויקט אָן טיש.

א פיערטער טרינקט און זינגט מיט ברען:
ווען „מ י י נ ע" וואָלט א פיש געווען,
וואָלט איך דעם י ם ניט אָנגעזעהן —
דער פישער טרינקט און זינגט מיט ברען.

די אלטע פישער שלאָפען מיעד,
די יונגע — עט, קיין אונטערשיעד:
דער ים איז ים און ליעד איז ליעד! —
די אלטע פישער שלאָפען מיעד...

## אין שענק

א גלעזעל אויסגעלעהרט
א גלעזעל אָנגעפילט.
ער דריקט צום הארצען צו
דאָס פיעדעלע און שפּיעלט.

א כוסה אָנגעפילט
א פלעשעל אויסגעלעהרט.
דער עולם זיצט אין שענק
די גאנצע נאכט און הערט...

פון באלקען הענגט דער לאָמפּ
אין קנוילען רויך געהילט
און שאָטענס וויעגען זיך,
און הערען ווי מען שפּיעלט.

א טונקעלע געשטאלט,
אין ווינקעל אָנגעלעהנט
דעם קאָפּ אויף ביידע הענד,
זיך הוידעט שטיל און וויינט.

ביים ברעג פון לאנגען טיש
א שכור׳ער דערפילט
דאָס גלעזעל ביז צום ראנד
און זידעלט זיך און שילט.

און פּלוצים, ווי פון וואנד
אראפּ זיך טהוט א ריס
א שאָטען טאנצענדיג
אויף וואקלענדיגע פיס.

א גרויער שאָטען טאנצט,
א גרויער שאָטען שפּיעלט...
און רויטליך צאנקט דער לאָמפּ
אין גרויען רויך געהילט.

דעם שענקער'ס טעכטערל
אין ווינקעל שוועגקט און ווישט
דאָס טרינק־געפעס, וואָס שטעהט
אין אלמער אויסגעמישט.

זי שוועגקט און וואשט און ווישט
די כוסות אָהן א שיעור
און הערט, דער פיעדעל שפּיעלט,
און אומעטיג איז איהר.

זי הערט א יעדער נאכט
די זעלבע מעלאָדיע
און וואשט דאָס טרינק־געשיער
אזוי ביז אינדערפריה.

זי קען דאָס נגונ'דעל
און זינגט די ווערטער מיט.
דער פיעדעל וויינט און זי
ברומט נאָך: „פ א ר ג ע ס מ י ך נ י ט!...״

פארטאָג געהט אויף די זון
און פארבט די שויבען ראָז.
פארגעסען אויף דעם טיש
זיך רויטעלט בלאס א גלאָז.

עס שלאָפט דאָס מיידעל מיעד,
דאָס טרינק־געשיער שטעהט לעהר,
בלויז אין א קעליושאַק
נאָך שימערט איהר'ס א טרער...

## וואָלט איך איצט זיין איינגער מיט צוויי צעהנדליג יאָהרען

וואָלט איך איצט זיין אינגער מיט צוויי צעהנדליג יאָהרען —
אַ פרייער ציגיינער וואָלט איך איצט געוואָרען:
מיט ברוינע ציגיינער איןביידלאך געפאָהרען,
געוואַנדערט אַריבער גאָט'ס ליכטיגע וועלטען,
גענעכטיגט אין פעלדער אין לייוועגט־געצעלטען,
די האָר ניט געשוירען, געוואַשען זיך זעלטען,
קיין שיך ניט געטראָגען, קיין העמד ניט געביטען,
כסדר אויף גנבה'שע פערדלאך געריטען,
מיט מיידלאך געשפּיעלט זיך און ליעדער געזונגען,
מיט פידעל און צימבעל די סטעפּעס פאַרקלונגען...

געלעבט וואָלט איך קלוג, וואָלט א זקן געוואָרען,
געלעבט, ניט געצעהלט מיינע טעג, מיינע יאָהרען — —
אין זומער־טעג הייסע — געדרימעלט אין שאָטען,
אין זומער־נעכט קיהלע — קאַרטאָפעל געבראָטען;
געראוכערט די ליולקיע, געפיפקעט, געשוויגען,
צום הימעל געקוקט און אין פייער געשפּיגען...

ס'איז נמאס־ומאוס זיך זיטליך צו פיהרען;
צו לעבען געפּענטעט אין שמריק פון מאַנירען:
זיי יוצא פאר לייטען, זיי העפליך מיט פרויען,
דאַן — נעהמען אַ ווייב: א גיהנום זיך בויען...
און אַנפלאָדיען קינדער — א שבט פון שונאים,
און לייהען ביי קרובים — זיך שווארצען דאָס פנים,
מיט שותפים זיך לאָדען, מיט שכנים זיך קריגען,
פאַרשווייגען דעם אמת, זיך שווערען אויף ליגען,
באַגעהן צעהן עולות און פרויען פאַרריכטען — —
אידעען — — פּרינציפּען — און פליכטען און פליכטען — —

ווען איך וואָלט זיין אינגער מיט צוויי צעהנדליג יאָהרען —
אַ פרייער ציגיינער וואָלט איך מיר געוואָרען:
מיט ברוינע ציגיינער אין ביידלאך געפאָהרען,
געוואַנדערט אַריבער גאָט'ס ליכטיגע וועלטען,

גענעכטיגט אין פעלדער, אין לייווענט־געצעלטען ;
די האָר ניט געשוירען, געוואַשען זיך זעלטען,
און פערדלאַך גע׳גנב׳עט פון פריצישע שטאַלען,
(אויף זייערע קעפ די עבירה מעג פאַלען !)
אַרויף אויפ׳ן פערדעל : — אַ סווישטש, אַ געלעכטער : —
זאָל בילען דער וואַך־הונט, זאָל שילטען דער וועכטער — —
עס פליהט אַ ציגיינער : — אַ וויכער אַ פרייער,
דאָס לעבען איז הפקר, די פרייהייט איז טייער !

## פאַראַן קלוגע פרויען

דו האָסט מיך פאַרביטען —
טאָ וואָס מאַכט עס אויס,
איך קלערהם זיך אַ האָר ניט...
די וועלט איז נאָך גרויס!

פאַראַן שעהנע פרויען,
פאַראַן אומעטום
וואָס איז דען חלוק? —
אַ בלום, איז אַ בלום.

ווער זוכט אייער חכמה.
סיי ווי זענט איהר קלוג,
דען וויפיעל איהר האָט איז
פאַר אונז דאָך גענוג:

אַ וואונק מיט אן אויגעל,
אַ שמייכעל, אַ לאַך —
פאַראַן קלוגע פרויען,
פאַראַן זיי אַ סך...

## אַ שמעטערלינג...

אַ רויזעלע, אַ בלימעלע,
אַ שטראַהל, אַ טראָפּען טוי,
אַ חנ'דעלע, אַ שמייכעלע —
אַ קוש, נו, אָט אזוי!

אַ סטעזשקעלע... אַ וועלדעלע...
אַ שאָטען און אַ בוים,
אַ מעשה'לע, אַ שבועה'לע...
אַ שטערענדעל... אַ טרוים...

אַ בלימעלע, אַ קוויטעלע...
אַ שמעטערלינג, אַ ביהן...
אַ ליעדעלע, אַ טרערעלע,
און אוים, אַרוים פון זין...

## ליעבעס־נעצען

וואס פינקלען דיינע אויגעלאך,
די קארשען־שוואַרצע אויגעלאך?
איך ווייס דאך וואס זיי קלעהרען:
„קום בחור, זאג מיר שוין דיין סוד...
און איך — וועל ברוגז ווערען".

וואס ברענען דיינע בעקעלאך,
די ראזע, פרישע בעקעלאך?
איך ווייס דאך וואס זיי מיינען:
„קום בחור, טהו מיר שוין א קוש,
און איך — וועל זיך צעוויינען..."

וואס ציטערען דיינע ליפעלאך,
די פולע, רויטע ליפעלאך?
איך ווייס וואס זיי פארלאנגען —
— — — — — — — — — — — — —
אי, זינגט דאס פויגעלע אין שטייג!
ווער האט דאס איהם געפאנגען?

## אין א ווייסער ווינטער נאכט

קלינג — — קלאנג... שוין האלבע נאכט.
היינט וועל איך פאר דיר שפאנען
א גילדען שליטעלע
מיט זיבען ווייסע שוואנען.

דעם בלויען שטראהלען־וועג,
פון שטערען־שיין געשפונען,
וואס פיהרט צום חלום־לאנד
האב איך שוין אויסגעפונען.

נאר שטיל — עס איז א סוד —
און קיינער טאר ניט הערען:
דאס חלום־לאנד מיינס ליעגט
ביים זוים פון מארגענשטערען.

איצט שליס די אויגען צו
און איך וועל באריהרען,
די זיסע ליפלאך דיר,
און ס'כשוף וועט פאסירען...

אהוש... אהוש... אהוש...
איהר זיעבען ווייסע שוואנען.
צום שעהנעם חלום־לאנד
נעהמט גיך אונז פון דאנען.

אין ווייסען ווינטער־שטויב,
אין בלייכען שיין, אין קאלטען,
וועט שליטעל און געשפאן
מיט אונז זיך לייבט באהאלטען...

שאַ... שטיל... דער שליטען שוועבט
און לאַנג וועט ניט געווערען —
ראַם חלום־לאַנד מיינם ליעגט
ניט ווייט פון מאָרגען־שטערען.

## זילבער שטויב

דער ערשטער שנעע, דער ערשטער שנעע,
די ערשטע ווייסע פליטער,
עס טהוט דאס הארץ א ציטער,
א ציטער שטילערהייד: —
עס בליהט אויף זים און ביטער
אין מיר די ווינטער פרייד...

דער ערשטער שנעע, דער ערשטער שנעע,
די ערשטע ווינטער בליטהען
פון הימעל וויים זיך שיטען
און פאלען אויף דער ערד: —
בעט אוים מיט שטרוי דעם שליטען
און שפאן אויף גיך די פערד!

דער ערשטער שנעע, דער ערשטער שנעע,
די וועלט ווערט גרוי און גרויער.
דזין... דז ן... קלינגט שט ל אין א יער
און וויבּרירט אין קאפ: —
מאך, פורמאן, אויף דעם טויער
און היידא, נו, גאלאפ!...

## עס רופט די מיטען נאכט

עס רופט די מיטען נאכט, עס רופט די מיטען נאכט.
איך ליעג און הער זיך איין מיט אויגען צוגעמאכט:
דער גרויער חשך אָטעמט טיעף... איך הער זיך צו: —
ווער ברעכט די צוימען פון מיין חלום'דיגער רוה?

עס קומט די מיטען נאכט, עס קומט די מיטען נאכט.
איך ליעג און קוק זיך איין מיט אויגען צוגעמאכט —
מיט צוגעמאכטע אויגען זעהט מען מעהר א סך
אין חשך, ווי מען זעהט מיט אויגען קלאָהר און וואך —
עס הוידעט זיך די נאכט, די פינסטערע, און שפאלט
פאנאנדער זיך אויף טויזענד טייל און פאלט און פאלט.
פון יעדער חשך־הייל, פון יעדער חורבן שפאלט
צעשראָקען זיך אנטפלעקט א ווילדע נאכט געשטאלט.
און מענש און חיה מישט אין פינסטערניש זיך אויס,
און איינס נאָך איינס, א וויסט פארזעה'ניש טרעט ארויס:

אן אלטע באביצע מיט פיסלאך פון א מויז,
א ווייסער זקן, ווי א קעצעלע די גרויס,
א ווילדער רויטער פוקס מיט פיסלאך פון אן עוף,
א גרויער וואָלף מיט שטילע אויגען פון א שאָף,
אן אויסגעדארטער כארט מיט קודלעס פון א לייב,
א גרינע קלאפער־שלאנג מיט פליגעל פון א טויב.

און ווידער מישט דאס חשך זיך צונויף און שפאלט
פאנאנדער זיך און וואקסט צונויף זיך און צעפאלט
פון ס'ניי אויף טויזענד טייל. און שרעקעדיג אנטפלעקט
זיך יעדען אויגענבליק אנאנדער נאכט־געשטאלט.

אָט רייסט פון חשך זיך א ווילדער אָקס ארויס,
מיט הערנער שפיזען־שארף און אויגען פאקלען־גרויס;
די פיס אויס שטאָהל, די טריט אין פלאמען איינגעהילט,
דעם אטעם זיילען רויך מיט פונקען רויט געפילט.
און צווישעןביידע הערנער איינגעפלאָכטען ליעגט

איהר שלאַנקער מיידעלגוף פון חלום האַלב פאַרוויעגט :
די סאַמעט אָרעמס אין דער פינסטער אויסגעשטרעקט,
דער מאַרמאָר ווייסער האַלז, דער רונדער, האַלב פאַרדעקט
פון פּאַסמעס שוואַרצע האָר זיך ציטערדיג אַנטפּלעקט — —
א וואַרימער פריהלינג־רעגען עפּעס פיהל איך שמעקט...

די רונדע היפטען, ווי פון עלעפאַנט־ביין געשניצט,
די צאַפּלענדיגע בריסטען רויטלען זיך געשפּיצט : —
א ווייסער טויבען־פּאָר פון מאָרגען־גלוט באַשפּריצט.

די רויטע ליפּען שמייכלען אין לבנה־שיין.
זי אָטעמט שטיל... און ס'שמעקט מיט האָניג און מיט וויין.
זי אָטעמט טיעף און שכור'ט מיר די בלוטען איין...

עס צינדט זיך אָן דער קאָפּ. העט מארך דער הייסער פלאַמט
עס זידט אין גוף דאָס בלוט און ריזעלט, ווי פאַר'סם'ט
דורך יעדען קעמערעל פון לייב און ברענט און גליהט ;
די מוסקולען ציטערען פון רויטער לוסט געשמידט...
און ס'שטרעקען זיך די הייסע אָרעמס אין דער נאַכט
און קלאַמערען אָן די הערצער זיך מיט ווילדער מאַכט — —
דער אָקסען־נאַקען ציטערט אויף און קרעכצט און קראַכט,
דער רוקען צאַפּעלט זיך און בויגט זיך ווי א רוט —
און דורך די מוסקולען שפּאַרט זיך קאָכיג־הייס דאָס בלוט...
און ווייט וואו ערגעץ קלינגט א פייער־גלאָק, מיר דאַכט...
א בוהאַי ראָוועט ווילד, א סאָווע גרימיג לאַכט — — —
עס שרייט די מיטען נאַכט... עס שרייט די מיטען נאַכט...

## די ערשטע שוואלב

איהם האָבען לינדע טעג געבראכט
אויף אונזער גאס צוטראָגען.
דער ברודנער טרעמפּ, ער קומט דער שטאָדט
א בשורה אָנצוזאָגען: —
„פ ר י ה ל י נ ג!"

א פּנים פון אן אלטען מאָפּס.
צוויי אויגען פון א סאָווע.
און אין זיין בליק — בלויז איין באַגער;
איינאיינציגע מחשבה: —
„ע ס ע ן!"

א רויטער נאָז, א בלויער האלז.
צוויי ליפּען — שווארץ, צעשפּאָלטען,
און אין די ליפּענווינקלען, שטום
א תפלה ליעגט באהאלטען: —
„ב ר א נ פ ע ן!"

איהם האָבען לינדע טעג געבראכט
אויף אונזער גאס צוטראָגען.
דער כמורנער טרעמפּ, ער קומט דער שטאָדט
א בשורה אָנצוזאָגען: —
„פ ר י ה ל י נ ג!"

## דער „האָבאָ"

היגטער בלויע הימלען
קומען שעהנע טעג,
און מיט זיי — דער „האָבאָ"
פון דעם פרייען וועג...

פעלדער ברייטע, פרייע,
אין דער זון צעשפּרייט,
ליגען ברוין צעאקערט
און מיט ברויט פארזעהט...

עמיץ האָט דעם אקער
דורכ'ן פעלד באגלייט...
עמיץ האָט די זאָמען
איבער דר'ערד צעשפּרייט.

גאָט וועט געבען רעגען,
טהוי און זונען־שיין.
און וועט פאר א מאָהלצייט
א ו י ך איהם ערב־זיין...

אין דעם פארק האָט עמיץ
בוימער איינגעפלאנצט,
בויט דאָרט דער פויגעל
איצט זיין נעסט און טאנצט...

זאָל דער פויגעל בויען ! — —
ע ר, איז וואנדער־מיעד...
העלפען — ב ל ו י ז וועט ער איהם
מיט פייפען זיין ליעד...

# לידער פון צער

# די מאַס

אָ, גאָט מיין גאָט, דו האָסט דאָך מיך באַגלייט
אויף מיין פאַרשאָלט׳נעם לאַנגען וואַנדער־וועג.
און איצטער שטעה איך לעבען מדבר־בּרעג
און זעה דיין גרויע מדבר וויט פאַרשפּרייט.

און ד אַ פאַרלאָזטו מיך און הייסט אליין מיר געהן ?!
און איך, — איך האָב געמיינט דו פיהרסט מיך ערגעץ־וואו ;
דו פיהרסט מיך צו א לאַנד פון פרידען, גליק און רוה ;
א לאַנד, וואו איך וועל נאָך מיין שווערען וואַנגעל־וועג,
אין ליעדער פול מיט לויב צו דיר,
באַזינגען מיינע שטערען־ווייסע נעכט
און מיינע זונענדיגע לאַנגע טעג...

איצט שטעה איך ביי דעם מדבר־בּרעג
און הויב צו דיר די הענט און פרעג :
ווי קענסטו גאָט, מיך לאָזען איינאַליין
דאָ אין דער ווילדער מדבר געהן ?!

צי ווילסטו פּרוּאווען מיין געהאָרכזאַמקייט צו דיר ?
צי ווילסטו פּרוּאווען אויב עס לעבט
אין האַרצען דער בּטחון נאָך ביי מיר ?
דערפאַר האָסטו אָ, גאָט, אהערצו מיך געבּראַכט
און האָסט פון מיינע צרות זיך א מאָס, א מאָס געמאַכט ?
א מאָס צו מעסטען דיין טיראַנען־מאַכט ?
דו האָסט בּ כ י ו ן איבּער מיר דיין הימעל אָנגעגליהט,
דעם מדבר־זאַמד צעפייערט אונטער מיינע טריט...

דאָך געה איך אָ ה ן דיין הילף. איך געה, איך געה !
איצט עפען ד ו די אויגען דיינע, גאָט, און זעה : —
אלצדינג, וואָס איך האָב דאָ מיט זיך,
דעם וואַנדער־שטאָק, די שמאַטעס אויף מיין לייב,
די טאָרבּע און די האַלב־צופוילטע שיך ;
דאָס אלעס גאָט, איז דאָך ניט מיינס,

דו האָסט עס מיר געבּאָרגט, ס'איז דיינס, ס'איז דיינס!
נאָ נעהם... איך וויל קיין הילף פון דיר
דאָס אַלץ געהערט ניט, גאָט, צו מיר.

און איך? — איך געה. איך ד אַ ר ף דיין הילף ניט, גאָט!
אָט זעה: — עס בּרענט מיין ערשטער טראָט;
עס רויכערט זיך מיין פוס אין הייס צעגליהטען זאמד.
נעהם שמעק, נעהם, שמעק זיך אָן... פארזוך
דעם טעם פון סמאַליענדיגען פליישגערוך,
ציה שטאַרק די ריחות, ציה... פארמאַך
די אויגען דיינע: „הא... אַ... אַ... ווי זיס
עס פלאַקערט אויף דעם זאמד דאָס בלוט פון זיינע פיס" —
נו, שמעק! איך האָב קרבנות נאָך אַ סך,
אַ סך,
אַ סך!...

## מיין ערלייזער, וואו ביזטו ? !

פני אלי וחנני כי יחיד ועני אני :
צרות לבבי הרחיבו ממצוקותי הוציאני :
(תהלים, כ״ה.)

איך וואנדער און וואָגעל אויף הונדערטע וועגען
און ווער נור עס קומט מיר אין וואנדער אנטקעגען,
באקוק איך און פרעג זיך מיט ציטערענדע ליפען :
„ב י ז ט ו ד א ס ?"
ווי לאנג וועל איך זיפען און זיפען
דעם שטויב וועלכער ליגט אויף די וועגען צעשאָטען ?
און זוכען צו האָבען צומאָל ניט געטראָטען
אויף איהם דיינע פיס און צו איז ניט פארבליבען
דיין וואָגלעניש ערגעץ אין איהם וואו פארשריבען.

מיט וויפיעל האָב איך זיך אין וועג שוין באגעגענט,
מיט וויפיעל געגריסט און מיט וויפיעל געזעגענט.
געמיינט, אפשר וועל איך פון וועמען דערגעהן,
אז ער האָט דיך ערגעץ באמערקט צו געזעהען.

*

אנומעלט פארנאכט — ס'האָט געבליצט און געדעגענט —
האָב איך אויף די פעלדער א פאסטוך באגעגענט;
ער איילט זיך פארזאמלען זיין שרעקיגע סטאדע.
איך שטעל איהם אָפּ פלוצים : — „דו קענסט איהם אודאי !
טאָ זאָג מיר וואו איז ער ? וואו איז ער, מיין ליעבער ? !" —
דער פאסטוך דערשרעקט זיך, אנטלויפט אין דעם שטורעם
און לאָזט מיך אליין מיט די שעפעלעך איבער...

*

א וואסער־קוואל האָב איך אין וויסטע געטראָפען,
פון אונטער א פעלז איז ער רוהיג געלאָפען.
איך האָב מיט מיין נאקעטען פוס איהם פארהאלטען : —
„זיין שאטען־בילד טראָגסטו ביי זיך דאָך באהאלטען,

ער האָט היינט נעקניהט דאָ, א מידער, א בלאַסער,
געבענשט דיך און דורשטיג געשלונגען דיין וואסער" —
אריבער מיין פּנים האָט דער קוואַל־שטראָם, דער שלעכטער,
געגליטשט זיך מיט עפּעס א חוזק־געלעכטער...

*

איך ווייס אז אויך **דו** זוכסט ארום מיך וואו, איצטער,
און מורמעלסט אודאי: —
„וואו איז ער? וואָס זיצט ער
זיך אונטער א בוים דאָרט אין שאָטען אין קיהלען
און הערט אין די נעסטען די פויגעלאך שפּילען,
און קוקט, ווי די גאָלדענע באבאטשקעס פליהען,
און קוקט, ווי די זילבערנע וואָלקענדלאך ציהען! — — — —

*

ווען דו, אוי, ווען דו וואָלסט דעם אמת נאָר וויסען,
דו וואָלסט פון די פּיס זיך מיט צוואנגען געריסען
די נעגעל, און ס'בלוט דיינס געלאָזט אזוי רינען: —
„מיין בלוט בלייז א שפּור אויף זיין וועג זאָל איהם דינען;
א־הם פיהרען ביז ער וועט מיך **דאָך** וואו געפינען".

ווען דו וואָלסט מיין הילפלאָזען לעבען פארשטעהן!
דו וואָלסט, ווי א טיגער מיט ווילדע געשרייען
אריבער דעם וועג, נאָך די שפּורען געלאָפען,
ביז דו וואָלסט, ביז דו וואָלסט מיך **ערגעץ** געטראָפען.

ביז ערגעץ־וואו וואָלסטו אין וועג מיך פארהאַלטען —
מיין האַרץ איז אויף צווייען פאנאנדערגעשפּאַלטען
און קיין זאך האָב איך פון דיין אויג ניט באהאַלטען:
דאָס שטויב וואָס איך האָב אין מיין וואָגלען געטראָגען,
די שטיינער וואָס גאָט אויף מיין וועג האָט צעשאָטען,
די דערנער וואָס האָבען דאָס לייב מיינס צעריסען,
די שלאַנגען וואָס האָבען די טריט מיר געביסען,
די טויזענד נחמות פון יאוש צעבראָכען
און צווישען דעם בראָך־וואַרג — הא, דו, מיין בטחון...

## האָ, גאָט, דו שפּרייטסט דיין הימעל אויס

האָ, גאָט, דו שפּרייטסט דיין הימעל אויס
און שיקסט אַ העלע זון אַרויס,
פּאַרוואָס־זשע גאָט, ווען איך שטרעק אויס
די הענט אין ליב, אין ליב צו דיר,
פאַרשטעלסטו דאַן די זון פון מיר
מיט שוואַרצע, קאַלטע כמאַרעס?

ווען איך הויב אויף צו דיר מיין בליק,
דאַן שטויסט אַ בליץ איהם אָפּ צוריק.
און שריי איך אויף צו דיר אַמאָל,
דערשלאָגט דער דונער מיר מיין קול.
צו ווילסטו גאָט, איך זאָל מיין קאָפּ
בלויז האַלטען צו דער ערד אַראָפּ
און וויינען, ווי די כמאַרעס?

## נעהם צו פון איבער מיר די שווערד

הא, גאָט, נעהם צו פון איבער מיר די שווערד.
איך בין שוין מיעד צו שטעהן צו דער ערד
דעם קאָפּ געבויגען אין מיין צער
צו ווילסטו דען אז איך זאָל שטעה'ן
אזוי ביז מיר וועט זיך אויף צווייען
דער רוקען איבערברעכען?

צו ווילסטו, גאָט, איך זאָל אין שטויב
צעבראָכען זינגען דיר מיין לויב?
ווי קען א וואָרעם, וועלכער קריכט
אין קויט און בלאָטע איינגעריכט;
א וואָרעם, וועלכער פויזעט בלינד — —
אָ, גאָט! ניט ברענג אויף מיר די זינד
דיין נאָמען צו פארשוועכען!...

## אָ, גאָט, מיין הארר, איך קען ניט מעהר

אָ, גאָט, מיין הארר, איך קען ניט מעהר!
פארלוירען געהט מיין יעדער טרער.
דו האָסט אליין דאָך מיט דיין האנד
פון מדבר גאָר דעם גאנצען זאמד
צו מיר אין טיעפען טרערען כוס;
אין כוס אריינגעשאָטען.

און פון דעם נאסען זאמד האָ, גאָט!
נעהם זעה, דער שונא מיינער האָט
דאָך שטיינער אויסגעקנאָטען...

אָ גאָט, מיין גאָט! איך קען ניט מעהר!
איך קען ניט, דען פון יעדער טרער,
וואָס פאַלט פון אויג ביי מיר אראָפ
וואקסט אויס א שטיין אין שונא'ס האנד;
א שטיין פאר מיין געבויג'נעם קאָפ.

## איך וויל זעהן דעם אפּגרונד!

עס גיסט זיך אן ענדלאָזער חשך פאַנאַנדער.
און איך אין דער שוואַרציקייט אַ בלאָנדזשענדער וואַנדער,
מיט בלוטיגע פיס איבער דערנער און שטיינער.
איך וויין און איך רוף און עס ענטפערט מיר קיינער.

עס לאָזט זיך אַרונטער אַלץ שווערער און דיקער
דער חשך, אין שוואַרצע פאַרגליווערטע שטיקער,
און העפט זיך צוזאַמען און שפּרייט זיך פאַנאַנדער.
איך שטרעק מיינע הענד אויס אין חשך און וואַנדער...

אָ, גאָט מיינער, גאָט מיינער! לאָז מיך ניט זינקען
אין חשך. צי ווילסטו דען גאָט! מיך דערטרינקען,
ווי איינער דערטרינקט זיך אַ הינטעל אַ בלינדען? —
א ז ו י זאָל איך גאָט, פון דיין ערד דיר פאַרשווינדען!?

אָה, וויין מיר, אָה, וויין מיר, דו פאָטער געטרייער,
אַ בליאַסק פון אַ שטראַהל, כאָטש אַ פונקעלע פייער!
פאַרטרייב מיר דעם טויטליכען יאוש פון האַרצען
און וויין — איך ו ו י ל ז ע ה ן דעם אפּגרונד דעם שוואַרצען!

כ׳וויל זעהן אין אפּגרונד די פעלזיגע הערנער;
די פעסטיגע זומפּען, די גיפטיגע דערנער...
איך ו ו י ל ניט דו זאָלסט מיך, אין חשך אין דיקען,
אזוי ווי אַ ראַץ אין זיין נאָרע הערשטיקען!...

## צו ווילסטו גאָט?! —

אָ, גאָט, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין מיין זינד, —
איך בין דאָך אָבער פ אָ ר ט דיין קינד;
דיין שטילע טויב, דיין מילדע שאָף, —
ווי קענסטו גאָט זיך אין דיין שטראָף
אזוי אויף מיר פארגעסן?!

צו ווילסטו גאָט, אז איך, דיין טויב
פארוואנדלען זאָל זיך אין א שלאנג?
א שלאנג, וואָס פויזעט אום אין שטויב,
וואָס ליגט אוןווארט און שפּיאָנט און היט
דעם מיעדען וואנד'רער נאָך די טריט?
צו ווילסטו דאָס?!

צו ווילסטו אז דיין לעמעלע האָ, גאָט!
פארוואנדלען זאָל זיך אין א וואָלף,
וואָס שנופּט און שנאָרכעט נאָך דעם טראָט
פון דעם, וואָס בלאָנדזשעט ביי דער נאכט;
דעם וואָגלער וועלכער זוכט זיין וועג
און איז פון בלאָנדזשען מיעד, פארשמאכט
און האָט צו ראנגלען זיך קיין מאכט...
צו ווילסטו גאָט!!!

## איך עפען אויף פאר דיר מיין הארץ

האָ, גאָט, איך עפען אויף פאר דיר מיין הארץ,
עס דרינגט דיין פּאָטער־אויג אהין אריין,
פער׳שרפ׳עט זיינען מיינע וואונדען. שווארץ,
ווי קויהל פון וועהטאָג און פון שאַנד.
און דאָך, דו הייסט מיר א ל ץ געדולדיג זיין?!
טאָ, ווען שוין, ווען שוין, ווען שוין פאָרט
וועל איך דערהערען גאָט, דאָס וואָרט:

„א ס ו ף!"

אוי, ווען אפילו גאָט, דו וואָלסט געווען
פון פעלזען הארטע מיך ארויסגעהאקט;
פון שטיין ארויסגעקלאפט מיין יעדער גליעד;
פון שטאָהל מיין הארץ מיר אויסגעשמידט
און מיין נשמה, מיין נשמה אויסגעבאַקט
אין מויל פון פייער־שפייענדען וואולקאַן —
אויך דאן, אָ, גאָט, אויך דאן, אויך ד א ן!
וואָלט איך זיך אונטער דיינע שטארקע קלעפּ
פארסמ׳ט פון ווילדען צאָרן, אויפגעכאפּט
און מיט מיין פויסט אין הימעל דיר אריינגעקלאפט: —
„איך וויל ניט ווארטען מעהר, א סוף, א סוף!
צו גרויזאם איז דיין שטראָף, דיין שטראָף!
דיין שטראָף!"

## אין מיטען נאַכט האָסטו מיך אויפגעוועקט

אין מיטען נאַכט האָסטו מיך אויפגעוועקט.
פאַר מיר האָט זיך דיין וועלט אַנטפּלעקט
אין בלויע פונקען איינגעטונקען,
אין חלומות זיס באַטרונקען —
און איך בין אויף דר'ערד געזונקען
און די הענט דיר אויסגעשטרעקט: —

אָ, גאָט, דו האָסט מיך אויפגעוועקט
און שעהן דיין וועלט פאַר מיר אַנטפּלעקט.
טאָ, ווייז־זשע מיר שוין, ווייז דעם וועג!
און זאָג מיר, זאָג וואוהין איך מעג
די אויגען מיינע ווענדען?
די שטערען דיינע בלענדען
מיר די אויסגעווייינטע אויגען:
צו לאַנג געשמאַכטען איינגעבויגען.
און איצט אָ, גאָט, אַזוי פיעל שטערען!
כ'האָב מורא, כ'וועל צוטומעלט ווערען
און מיין וועג פאַרלירען! —
גאָט, ווער וועט מיך פיהרען?!

## יזכור

דאָס יאָהר־צייט ליכט אין ווינקעל ברענט,
בויג אָן דיין קאָפּ, פאַרברעך די הענט
און זאָג מיר נאָך, נאָר שטיל זאָל זיין,
פאַרדריק די ציינער און האַלט זיך איין...
בלויז דו און איך און קיינער מעהר
זאָל זעהן, ווי עס פאַלט דיין טרער
זאָל זעהן דיין צעבראָכענקייט.

און איצט זאָג נאָך מיר, וואָרט פאַר וואָרט:
„פאַר אַלע די, וואָס פוילען דאָרט
פאַרגעסענע אין שונא'ס לאַנד
פאַר זיי, וואָס בויגען זיך אין שאַנד
און שטעהען פאַר דער גאַנצער וועלט
די הענט, ווי בעטלער אויסגעשטעלט
און ווייזען זייער נישטיגקייט.

פאַר דיר, מיין בלייך, דערשראָקען קינד,
וואָס בויגט זיך, בויגט זיך דאָ אַצינד
אין שוואַכען, בלייכען יאָהר־צייט שיין
און האַלט זיך קוים פון שלוכצען איין.
פאַר מ י ר, פון וועמעס ליפּ עס טריפט
אַראָפּ מיין האַרץ מיט גאַל און גיפט
פאַר מיר און מיין צעביטערטקייט.

הויב אויף אַצה, גאָט דיין שטאַרקע האַנד
און רעכען זיך פאַר אונזער שאַנד.

# איכה

אויף דעם חורבן אויף דעם אלטען,
אין די הענד דעם קאָפּ באהאלטען
זיצט דער אלטער אבל ווידער,
זיצט און זינגט די איכה־ליעדער.

„איכה ישבה" קלינגט פארביטערט
אין דער נאכט זיין קול און ציטערט...
און די טרערען רינען, רינען: —
„גאָט, צו וועל איך ווען געפינען
פאר מיין קלעמענדער נשמה,
אויסער טרערען, א נחמה?

איז דאָס, גרויסער גאָט, דיין ווילען,
אז איך זאָל מיין וועהטאָג שטילען
בלויז מיט איכה'דיגע ליעדער? —
איכה... איכה... איכה... ווידער!

ווילסט איך זאָל מיין קאָפּ באגראָבען
אין דעם חורבן־שטויב און לאָבען
זיך מיט איהם, ווי יענער בלאסער
מדבר־וואלגער מיט דעם וואסער?...

צווישען הורבעס, ליים און שטיינער
זאָל איך לעגען מיינע ביינער...
און די אויגען שטיל פארמאכען
און צוקאָפּענס־איינזאם וואכען
זאָל די סאָווע, דאָרט באהאלטען,
אין דעם חורבן אין דעם אלטען?

און אין הימעל זאָלען פלאמען
איבער לענדער, איבער ים'ען,
דיינע גרויסע, קלאָהרע שטערען...
פלאמען און צעגאנגען ווערען.

איך וויל א ו י ך די אויגען מיינע
וואשען מיט דער שיין פון דיינע
קלאָהרע שטערען-ליכט פון הימעל!
איך וויל א ו י ך אין שפעטען דרימעל
הערען ווי די שאָטענס פאלען.
ווי עס פלאמט מיט ראָזע שטראהלען,
אין די מזרח-בערג פארבאָרגען,
אויף דער ליכטיג-קלאָהרער מאָרגען!...

איכה... איכה... איכה... ווידער —
כ'וויל ניט זינגען מעהר די ליעדער!!

# איך בין דער גאָט!

(צום קריסט)

וואָס זוכט איהר אין די ווייטע הימלען
מיט אויגען פרום, פאַרטרערט,
ווען איך, — דער גאָט פון איי'רע אבות
פאַרבלוטיג דאָ אויף אייער ערד!

איך בין דער גאָט! ווען איהר פאַרזינדיגט
קניעט מיעד אויף איי'רע קלויסטער טרעפּ.
פון מיינע וואונדען טריפט אַרונטער
דאָס בלוט אויף אייערע זינדער־קעפּ.

איך בין דער גאָט, וואָס הענגט געקרייציגט
אויף טויזענד צלמים איבער אייך,
דער גאָט, וואָס שטאַרבט צוויי טויזענד יאָהר שוין
פאַר איך און אייער קעניגרייך!

דער גאָט, וואָס איז צו אייך געקומען
דורך מדבר־וועגען אין דער נאַכט,
דער גאָט, וואָס האָט אויף זיינע פּלייצעס
מיט זיך זיין צלם מיטגעבראַכט,

דער גאָט — בין איך! אויף טויזענד צלמים
געקרייציגט שטעה איך איבער אייך.
מיין הארץ — אויף טויזענד וועגען בלוטיגט
פאַר איך און אייער קעניגרייך...

# פון עבר

איך הויב די הענד צום הימעל אויף,
קעהר אָפּ דעם קאָפּ און לויף און לויף;
איך ווייס, עס שטרעקען הינטער מיר
זיך ציטערדיגע הענד אָהן שיעור
און רופען, רופען מיך צוריק:
„אָ, טהו אויף אונז כאָטש נאָך א בליק! —
אלצדינג פער׳חרוב׳ט און צעשטערט,
און דו האָסט  א ו י ך  זיך אָפּגעקעהרט?!

אָה, גאָט, איך וויל ניט געהן צוריק!
איך  ו ו י י ס,  אין חורבן ליגט מיין גליק;
איך ווייס, אז צווישען אלטען בראָך
מיין וויגעלע זיך הוידעט נאָך.
און ערגעץ־וואו אונטער א דאך,
מיין ווייסע ציגעלע ליגט וואך...
און צווישען הורבעס ליים און שטויב,
ברומט שטיל און אומעטיג די טויב:
„א י ך  ב י ן  ד י י ן  ב י י נ ק ע נ י ש... אָ, ק ו ם
א ו ן  נ ע ה ם  מ י ר  נ אָ ך  א מ אָ ל  א ר ו ם.״

אָ, גאָט, מיין גאָט, דאָס הארץ מיינס שטארק!
אין שטיין פארוואנדעל מיר מיין קארק,
איך זאָל מיין קאָפּ צוריק ניט דרעהען;
מיין חורבן הינטער זיך ניט זעהן...
אָה, פיהר מיך, פיהר מיך, גאָט!
באפליגעל מיר מיין שווערען טראָט;
שטרעק אוים דיין מעכטיג־שטארקע האנד
און ברענג מיך שוין צום נייעם לאנד...

## אומזיסט

כ'בין צום העכסטען בארג געשטיגען
און אויף זיי מיין בליק געוואָרפען — — —
פליגען... פליגען... פליגען !...
כ'האָב דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזען
און געשוויגען.

דאָס וואָס איך האָב זיך געקליבען
זאָגען זיי, אויף מיינע ליפּען,
ווי פערגליווערט איז געבליבען...

## האָסט באַפוילען

האָסט באַפוילען:

זאָלסט דעם העכסטען בארג באַשטייגען
פון דער הויך פאַר זיי זיך צייגען.
בין איך דאָרט געבליבען שטעהן —
גאָט, זיי ווילען מיך ניט זעהן!

האָסט באַפוילען:

נעהם דעם שופר, הויב אָן שאַלען.
הילכיג שיק צו זיי סיגנאַלען,
וועלען זיי פאַרציטערט ווערען! —
גאָט, זיי ווילען דאָך ניט הערען!

האָסט באַפוילען:

זאָלסט זיי מונטערען און וועקען,
זאָלסט זיי שטראָפען, זאָלסט זיי שרעקען,
זאָל דיין שופר העכער שאַלען —
גאָט, איך רוף און זיי — זיי פאַלען...

# אונטער צוויי זונען

## דער בופעלאקם

(אין זאאלאגישען גארטען)

ער שטעהט, די גרויסע קופער־ברוינע אויגען האלב פארמאכט,
דעם קאפ דעם שווערען צו דער ערד אראפגעלאזט און טראכט;
צו קורץ איז פאר זיין ווילדען חלום איהם די זומער־נאכט,
צו גיך האט איהם די זון צעשטערט זיין זיסען שלאף;
איצט פרובט ער פון זיין חלום שטיל דער'חלומ'ען דעם סוף...
ער שטעהט. די גרויסע קופער־ברוינע אויגען האלב פארמאכט,
און זעהט אין בלייכען צאנקען פון דער בלויער זומער־נאכט,
די ווילדע פריירי אפגעפרישט פון מילדען שלאף, ערוואכט,
און אטהעמט טיעף און פריי און טרינקט מיט דורשט
די זונען־שיין,
און האלב פאר'שכור'ט דרימעלט זי צוריק פאר'חלומ'ט איין...

שא, שטיל... און דא און דארטען ווארפט זיך
אין דער פריירי'ס שוים,
א פרישער צאפעלדיגער גראז־פלעק, ליכטיג־גרין און גרוים;
א בלויער טייכעל שמייכעלט רונצעלדיג פון גראז ארוים,
און ערגעץ וויים אין נעבעלדיגער בלויקייט זעהט ער קוים,
בעוועגט זיך פויל אן איינזאמער און אפגעלעבטער בוים...

און בלייך און בלייכער ווערט דער ראזער מזרח־פלאם,
און אין די גאלדנע שטראהלען, ווי א כוואלענדיגער ים,
בעוועגט זיך ארום איהם זיין מעכטיג־פרייער, ווילדער שטאם.
די שארפע הערנער פינקלען העל און שפיצען זיך געדיכט,
די אויגען, דונקעל־ברוין, ווי טרויבען פול מיט זונען־ליכט — —

ער הערט זיך איין: א ווילדער קאראהאד ארום זיך שמיעדט,
אין וואלקען שטויב דערטראגען זיך צו איהם
דער סטאדע'ס טריט:—
א פרייער מעכטיגער געזאנג, א ווילדע פריירי־ליעד.

אונענדליך איז זיין רייך. ניטא קיין גרענעץ און קיין צאם.
און ער אליין? — דער הערשער און דער הויפּטלינג
פון זיין שטאם.

ער שטעהט. די גרויסע קופּער־ברויטע אויגען האלב פארמאכט,
דעם קאָפּ דעם שווערען צו דער ערד אראָפּגעלאָזט און טראכט,
צו קורץ איז פאר זיין ווילדען חלום איהם די זומער־נאכט,
צו גיך האָט איהם דער מאָרגען אויפגעוועקט פון זיסען שלאָף.
איצט פּרובט ער פון זיין חלום שטיל דער׳חלומ׳ען דעם סוף...

## די פּאָפּוגיי

עס רוישט דער טאָג. דער גרילצעדיגער אָרגען
קלאַפּט זיין גאַסען־ליעד
און אויף דעם גורל־קאָרב זיך זיצט די פּאָפּוגיי פאַר'חלש'ט מיעד
און הערט זיך איין צום טויבען גאַסען־רויש,
צום אָרגען'ס גרילצעריי
און בורטשעט פויל און חזר'ט, חזר'ט נאָכאַנאַנד:
„האַלאָ. גוד־ביי"

און ווידער קומט די בלייכע, מיט די הירשען־אויגען
ברוין און גרויס
און שטרעקט, ווי אימער מיט א ציטערניש
דאס קליינע הענטעל אויס.
און לייענט איהר גורל שטיל: „ער האָט דיך ליעב
און בלייבט דיר אייביג טריי..."
עס הערט זיך איין די ברוגז'ע מרשעת און שרייט:
„האַלאָ... גוד־ביי..."

אין אספאַלט איינגעקלאַמערט שטעהט, ווי אימער זיך
דער קראַנקער בוים
און וויעגט די די דאַרע צווייגען עפּעס פּלאַפּלט ער —
מען הערט איהם קוים:
פאַררוהט האָט זיך א פויגעל דאָרט און פליהט
מיט מונטער'ן פּישטשעריי
אוועק. זי קוקט איהם נאָך, דעם וואַגאַבונד, און שריים:
„האַלאָ... גוד־ביי..."

פון שטאָהליג־בלויען הימעל קוקט די פייכטע זון אין גאַס אריין
און גיסט אין גרויען אספאַלט אויס איהר נעבעלדיגע
געלב־זוכט שיין;
א בראָנזיג־גרויער וואָלקענדיל אין לופטען טראָגט זיך
אָדלער־פריי.
זי הויבט די געלע ארבעס־אויגלעך אויף און קייכט:
„האַלאָ... גוד־ביי..."

און באַלד.. דאָרט אונטער יענעם גרויען מויער
נעמט די זון פערגעהן,
ווי גראָשענדיגע ליכט אין ווינד פארלעשען זיך
די מארק־געשריי׳ן,
די סאָרע נאכט פאַלט אויף דער גאַס און זינקט און זינקט,
ווי בליי.
דער ערשטער גאַסען־לאָמפּ פלאַמט אויף און בלינקט
און ווינקט: „האַלאָ... גוד־ביי...״

און כמורנע מענשען שטראָמען גיסען זיך פאַנאַנדער
פויל און מיעד,
דער הייזעריגער אָרגען קלאַפּט אויף גיך זיין
לעצטען גאַסען ליעד,
דער קראַנקער בוים דערצעהלט איצט וואָס און קלאָגט זיך
מיט א שושקעריי.
זי הערט זיך איין און קראַקעט אוים מיט גיפט און גאַל:
„האַלאָ... גוד־ביי...״

# דער טיגער

(אין זאָאָלאָגישען גאַרטען)

דער טיגער אין תפיסה, דער טיגער געפאַנגען —
ער זעהט דורך די גראַטעס די זון האַלב־פאַרגאַנגען,
און איבער די בערג לעשען רויט זיך די שטראַהלען
און טונקעלע שאָטענס די תפיסה באַפאַלען.

היינט האָבען זיך הונדערטע בליקען געשפּיגעלט
ביי איהם אין די אויגען. און טונקעל פאַרזיגעלט
דער צאַנקענדער טאָג זיך ביי איהם אין זיין האַרצען.
די שנאה געהט אויף, ווי א ליכטיגער שטערען,
א ליכטיגער שטערען אין הימעל אין שוואַרצען...

און מיעדע זיך לאָזען אַרונטער די ברעמען,
די וויהעס אַריבער די אויגען זיך קלעמען.
דאָך אונטער די ברעמען דאָרט פלאַקערט פאַרשלאָסען
דאָס פייער, וואָס גאָט האָט אין אויג איהם געגאָסען.
און אונטער די פלאַמען — מדבריות ליגען,
און אור־אַלטע וועלדער פערנעבעלט זיך וויגען.

און טייכען קריסטאָלענע קייקלען זיך מונטער
און שפּרינגען פון קופּערנע פעלזען אַרונטער.
און לייבען אַריבער דער וויסטע זיך יאָגען
און אָדלערס אַנטקעגען די וואָלקען זיך טראָגען...

דער טיגער געפאַנגען, דער טיגער געפאַנגען! —
די זון איז אין מערב א רויטע פאַרגאַנגען
און ס'אָטהעמט דער טאָג אויס זיין לעצטער גסיסה.
שאַ... שטילער... דער דרימעל מאַכט אָפען זיין תפיסה...
ער וואַנדערט, ער וואַנדערט אין חלום א פרייער
מיט אָפענע אויגען, מיט אויגען פון פייער..

# קעניג לעאַ

**(אין זאאלאגישען גארטען)**

אין זיין ענגער שטייג געפאנגען
כאפּט זיך אויף דער אלטער קעניג.
אויף דעם זילבער־בלויען מזרח
איז די זון שוין אויפגעגאנגען.

הויבט דער קעניג מיט א שטומען
וואונדער אויף די גרויסע אויגען
צו דער זון. און איבער'ן גאָרטען
שאלט זיין קעניגליכעם ברומען.

ווי אין ים דער רעגענבויגען
שפּיגעלט זיך מיט טויזענד פארבען
אָפּ דער אויפגעלויכטער מזרח
אין דעם מלך'ס גרויסע אויגען.

אין די ענגע שטייגען שפאנען
ווילדע לעמפּערטען און טיגערס,
אין די היילען וועלף און בערען —
קעניג לעאַ'ס אונטערטאנען.

אונטערטעניג, ברומען ברילען
קעניג לעאַ'ס אונטערטאנען:
,,גרויסער הערשער, אלע לעבצען
דיין פארלאנגען צו ערפילען.

,,זיינען מיר ווי ד ו געפאנגען
און אין קנעכטשאפט, שטאָלצער מלכות,
מאכטלאז איז דעם קנעכט'ס געטריישאפט
און דעם מאיעסטעט'ס פארלאנגען.''

אויף דעם הימעל, אויף דעם קלאָרען
שוועבט די זון געקרוינט אין שטראַלען.
אין זיין תפיסה שפּאַנט דער מלך —
אין די אויגען — צער און צאָרן.

## דער קעמעל

(אין זאָאָלאָגישען גאָרטען)

אין מיטען הימעל ברענט א גאָלדענע די זון און גליהט.
אן איינזאם וואָלקענדעל פאמעלעך און פארשלאָפען ציהט.
די גרינע גאָרטען־בוימער וויגען זיך פאר׳חלום׳ט אום,
און שטיל איז אליץ ארום.

און הינטער גראטעס אייזערנע, א רוהיגער, דער קעמעל ליגט;
דער שעפּסען־קאָפּ זיך בלויז פארשלאָפען וויגט און וויגט,
דער הויקערדיגער שאטען זיינער טונקעלט ביי זיין זייט,
די געלבליך ברוינע אויגען קוקען ערגעץ אין דער ווייטער ווייט:
א גרויע אייביגקייט.

איך בליק אין זיינע אויגען און מיר דאכט זיך אויס,
די בראָנזיג־גרויע מדבר קוקט דורך זיי אויף מיר ארויס;
די בראָנזיג־גרויע מדבר ווייט און גרויס.
און עמיצער דאָרט וואנדערט, וואנדערט ווייט אוועק: —
א טונקעל־גרויער פלעק...

שא... שטיל... און מיט אמאָל עס טוט זיך ווירבלענדיג א הויב,
אין זיילען ליכטיגע, דער קופּער־ברוינער מדבר־שטויב
און טראָגט מיט ווילדען אימפּעט זיך אוועק. אוועק: —
א פלאמיג־רויטער פלעק.

א טונקעל־גרינע פאלמע איינזאם וויגט זיך, וויגט זיך קוים.
אין ווייטען הינטער־גרונד — א שארלאך־רויטער מערב־זוים;
א זילבער־קלאָהרער אבענד־שטערען אין דעם בלויען רוים —
א פינקלענדיגער טרוים...

מיר דאכט:
עס שטראהלט אויף מיר די ווייסע מדבר־נאכט;
די מדבר־נאכט מיט שטערען אָהן א צאָהל;
די מדבר־נאכט מיט שטערען פון קריסטאל.

און אין דעם ווייסען ליכט — דער מדבר־לייב
מיט קודלעם קופערנע און פיס געשמידט פון שטאָל.

און ערגעץ, אויף זיין רוקען א פאר'חלש'טער,
א וואנדערער זיך ליגט דאָרט איינאליין,
און קוקט צום הימעל ב ל ו י ז מיט זיינע ווייסע צייהן —
דאָס פנים — זאמד. די גלידער — שטיין...

און זילבער ווייסע שארבענס, אין לבנה־שיין.
מיט אויגען־לעכער גרויע קוקען אין
דער ווייסער, ווייטער נאכט אריין...

פארשלאָפען אין דעם שאָטען פון די גראטעס ליגט
ער שטום: און בלויז דער שעפסען־קאָפּ זיך וויגט און וויגט,
דער הויקערדיגער שאָטען זיינער דרימעלט איהם ביים זייט,
די געלבליך ברוינע אויגען קוקען ערגעץ אין דער ווייט,
ערגעץ אין דער ווייט...

## די מאַלפּע

(פאַרוואַגעלטע נשמות)

זי זיצט אין שאָטען פון דער נאַכט
אָן איינגעהויקערטע און וואַכט.
ניט ווייט פון רוישענדען פאָנטאַן,
אין גאָרטען, שלאָפט איהר אָרגען־מאַן.

דער אָרימער א מידער ליגט
פון רוישענדען פאָנטאַן פאַרוויגט,
נאָר איהר האָט אין דער שטילער נאַכט
דאָס רוישען אומעטיג געמאַכט.

און שטיל אין ווייכען שטערען־ליכט
באַטראַכט זי זיין פאַרשוואַרצט געזיכט.
דאָס פּנים וויסט מיט שטויב באַדעקט
רחמנות אין איהר האַרצען וועקט:

דער אָרגען קלינגט דעם גאַנצען טאָג
מיט לידער הייזעריג פון קלאָג.
און הינטער זיי לאַכט ווילד די גאַס
און וואַרפט נדבות צו מיט שפּאַס.

פון פענסטער שליידערט ווער אַראָפּ
זי שווערען קופּער־שטיק אין קאָפּ.
אין הויז פון גביר שלפט גראָד דאָס קינד
איז רייצט דער דינער אָן די הינד...

צוביטערט שפּילט ער דאַן און שפּילט
און ציהט צו זיך די קייט און שילט;
פאַרשפּיצט אין אויג די שנאה גלאַנצט.
עס לאַכט די גאַס און זי — זי טאַנצט...

איצט שלאָפט דער מידער אָרגען־מאַן.
צוקאָפּענס מורמעלט דער פאַנטאָן
און אין די בוימער זיפצט דער ווינד —
און זי איז מוחל איהם די זינד...

## דער עלעפאַנט

(אין זאָאָלאָגישען גאָרטען)

די זעלבּע האַנד, וואָס האָט אויס ריינעם גאָלד געמײַקט די ביהן,
האָט אויסגעקלאַפּט פון קאַלטען בּליי די העסליך־גרויע שפּין;
די זעלבּע האַנד, וואָס האָט דעם וואָרעם אין דער ערד געמאַכט;
געצונדען האָט די קלאָרע שטערען אין דער בּלויער נאַכט;
די זעלבּע האַנד, וואָס האָט די מילבּ געמאַכט — די זעלבּע האַנד
האָט אויסגעהאַקט פון האַרטען גראַניט־שטיין דעם עלעפאַנט.

די זעלבּע האַנד האָט איהם צום פוס די קורצע קייט געשמידט
און צוגעצעהלט אויף יעדען טאָג איהם פּונקט אזוי פיעל טריט,
אזוי פיעל איילען ערד ארום — אזוי פיעל און ניט מעהר:
דען וואַנדערען מיט פיס געמאַכט אויס האַרטען שטיין
איז שווער,

גאָטס ווילען איז אזוי!...

און ס׳הוידעט זיך דער שווערער קאָפּ און שאָקעלט, שאָקעלט צו:
א, ניט נור זיינען שווער די פיס, נאָר שווער איז אויך די רוה.
דען יענע האַנד, וואָס האָט פון שטיין דאָס ווערק
ארויסגעבּראַכט,
האָט פאַר דערמזעלבּען ווערק א האַרץ פון וואוּנד־שיין געמאַכט...

די האַנד, וואָס האָט פון האַרטען גרויען פעלז זיין יעדען גליעד
ארויסגעהאַקט, איז קלאַפּענדיג אָן פעלז געוואָרען מיעד.
א רגע האָט די מיעדע מייסטער־האַנד זיך אָפּגעשטעלט:
דאָס שווערע ווערק איז פאַרטיג שוין, ניט מעהר
א האַרץ נאָך פעהלט.
אנטקעגען האָט דער מערב זיך געזוימט מיט ערב־נאַכט.
דער מיעדער מייסטער פון דער מיעדער האַנד
האָט זיך פאַרטראַכט — —
פון רויטען זונען־אונטערגאַנג האָט ער דאָס האַרץ געמאַכט...

און ווען עס לעשען זיך פון טאָג די לעצטע פלאַמען אויס,
גערילט אין שאָטענס הויבט זיך אויף דאָס האַרץ
און קוקט אַרויס
פון צווישען פייכטע וויהעס אין דער בלויקייט פון דער נאַכט...
די האַנד, וואָס האָט פון האַרטען מעלז דאָס ווערק
אַרויסגעבראַכט;
די זעלבע האַנד האָט אויס דעם אָווענד־שיין
דאָס האַרץ געמאַכט...

א טיעפע בענקעניש געהט אויף און זוימט די אויגען שוואַרץ.
פון אויס דער שטיינערדיגער ברוסט זיך רייסט
געקלעמט דאָס האַרץ:
דאָרט גרגעץ אין דער ווייסער וועלט פאַרשטריקט
אין אָוועַנד ליכט,
דער ווילדער „דזשאַנגל" צאַפּעלט זיך אין צווייגען־נעץ געדיכט.
און פעלזען הויבען זיך אַרויס, ווי כוואַליעס אויף דעם ים
און הוידען זיך און וויגען זיך אין רויטען אָוועַנד־פלאַם.
און פאַלמען, ריעזען, בויגען זיך צום גאָלד'נעם זונען־שיין
און פלעכטען מיט די צווייגען אין די שטראַהלען זיך אַריין...

איהם דאַכט: ער הערט־וואו אין דער נאַכט זיין שטאַם
א פרייער ציהט,
עס קרעכצען צווייגען רוישענדיג, עס פאַלען שטילע טריט
און פול און פולער ווערט די פייכטע לופט מיט טראַמפּלערייַ —
ווי פלינק און גרינג עס וואַנדערען די פיס וואָס זיינען פריי!...

די זעלבע האַנד, וואָס פיהרט דאָרט אין דער נאַכט
די פרייע טריט,
די זעלבע האַנד האָט איהם צום פוס די קורצע קייט געשמידט
און צוגעמאָסטען איהם אַזוי פיעל שטח און ניט מעהר...
מיט קייטען אייזערנע אויף פיס פון שטיין —
איז וואַנדערען שווער!...

# דער הירש

**(אין זאַלאַנישען גאָרטען)**

די זון פאַרגעהט. עס רויטעלט זיך דאָס ליכטיג־בלויע וואַסער.
דער אווענד־שטערען צינדט זיך אָן אין ווייטען רוים א בלאַסער.
ער שטעהט ביים שטילען ברעג פון בלויען טייך
דעם קאָפּ געבויגען.
דאָס וואַסער וויגט און רונצעלט זיך אין זיינע ברוינע אויגען.

פון בראַנזיג־ברוינעם הערנער־קרוין, אין אווענד־ליכט אין העלען,
ווי קרעלען רויטע פאַלט דער טוי אַרונטער אין די וועלען.
דאָס ווינטעל ציהט. די ברעגען שטיל מיט ראָזען שוים
זיך שוימען —
ער שטעהט ביים ברעג פון וואַסער מיעד. די ברוינע אויגען
טרוימען:—

סוף־זומער נאַכט. דער הימעל בלוי מיט שטערען העל באַהאַנגען.
עס שלאָפט דער וואַלד. עס רוישען וואו נאָך קוקרוזע־זאַנגען.
און אין די בערג א וואַסער־קוואַל זיך קייקעלט איבער שטיינער.
און נעבען איהם זיין הירשין־ליעב... די נאַכט...
און ווייטער קיינער

און נעבען איהם זיין הירשין־יונג — די נאַכט
איז שטיל געשוואומען
פון מזרח מיט דער זון צוגלייך דער יעגער איז געקומען —

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זון פאַרגעהט און שאָטענס ברוין זיך אויף דעם זאַמד
דעם געלען,
די הערנער, צווייגען טונקעל־גרוי זיך אויף די בלויע וועלען...

# דער אדלער

(אין זאאלאגישען גארטען)

ער שפּרייט די גרויסע פליגלען אויס
און בליקט מיט שטאָלץ פון שטייג ארויס.
דער מאָרגען־שטערען שימערט ווייט
און לעשט זיך אין דעם בלויען רוים.
און גאָלדיג־ראָז אין מזרח־זייט
געהט אויף די זון.

און לויטער שטראהלט צו איהם אריין
אין אויג דער גאָלד'נער מזרח־שיין.
פאר'כשוף'ט נאָך פון לעצטען טרוים,
וואָס האָט זיין פריהלינגס־נאכט באגלייט,
דערהויבט ער זיך צום פרייען רוים
און שוועבט און שוועבט...

ער וויגט, אין חלום, זיך, און וויגט
אין ברייטען רוים און אונטען ליגט
צעגאָסען בלוי דער פרייער ים,
די ווילדע מדבר קופּער־ברוין.
און ער איז פריי קיין ברעג, קיין צאם,
קיין גרעניץ נים.

און ברייט און ברייטער שטרעקט ער אויס
די פליגלען זיינע שטארק און גרויס.
און שטאָלץ דעם קעניגליכען קאָפּ
צום הויכען הימעל הויבט ער אויף — —
און שלאָגט זיך אָן די גראטעם אָפּ.
דער חלום שטארבט.

# ליעדער פון קאמפף און האָפנונג

## פּאַסטוך, פּאַסטוך, בלאָז דיין האָרן

פּאַסטוך, פּאַסטוך, בלאָז דיין האָרן !
זעה, ווי כמאַרנע ס'איז געוואָרען.
הער נאָר, ווי די ווינדען בלאָזען
ס'וועט זיך באַלד א מבול לאָזען
גיכער, נו, א סוף.
זאַמעל אויף די שאָף !

פון די דונערען און בליצען,
דיינע שאָף ווי וועסטו שיצען ?
וואו וועסטו זיך אויסבאַהאַלטען
פאַר דעם שטורעם ווינד דעם קאַלטען ?
גיכער שוין, א סוף.
זאַמעל אויף די שאָף !

טאָמער וועט דיך אויף די וועגען,
וואו פאַרכאַפּען נאָך דער רעגען,
זאָלסטו גאָר ניט איבערקלייבען,
כאַפּ דעם שטעקען, הויב אָן טרייבען !
גיכער נו, א סוף.
דאָ שוין אַלע שאָף ?

אַלע שאָף שוין, פּאַסטוך ליעבער ?
צעהל פון דעסטוועגען זיי איבער.
צעהל די גרויסע, צעהל די קליינע,
איבערבלייבען זאָל קיין איינע.
גיכער נו, א סוף.
ריהר זיך מיט די שאָף !

וועט א שאָף דיר חולה ווערען
זאָלסטו פאסטוך לאנג ניט קלעהרען.
מראַכט ניט, זאָרג ניט, זוך קיין עצות,
נעהם די שאף אויף דיינע פּלייצעס,
און אָן עק, א סוף.
ווייטער מיט די שאָף!

פּאסטוך, פּאסטוך, בלאָז דיין האָרן
ווי דער שטורם אין זיין צאָרן,
בלאָז נאָך שטארקער, בלאָז נאָך העכער! —
קוק מען זעהט שוין אָן די דעכער...
באלד איז שוין א סוף!
טרייב אריין די שאָף...

## א ווארנונג

זעהט ! דער שטורעם-פויגעל פלאטערט,
טראגט זיך מיעד און איינגעמאטערט:
לאנג אודאי אז ער פליהט שוין,
פליהט און האט זיך איינגעמידט שוין.

ס'קומט א בלינדע נאכט, צוגעהן.
שטורעם-ווינטען וועלען וועהען.
דונערס, ווילדע, וועלען קנאלען.
גרויע רעגענס וועלען פאלען: —

אומעטום אויף אלע וועגען
זאלט איהר פייערען צעלעגען:
זאלען די וואס בלאנזשען, זעהן
אינדערפינסטער, ווי צו געהן.

אויף די בערג ארום די ים'ען
זאלט איהר צינדען רויטע פלאמען:
פון טומאנען אנגעגריפען
ראנגלען מיט דעם ווינט זיך שיפען...

שלאפען זאל זיך קיינער לעגען: —
וואנד'רער בלאנזשען אויף די וועגען !
זיצט און וואכט און היט די פלאמען: —
שיפען בלאנזשען אויף די ים'ען !

האלט איהר איבער נאכט דאס פייער —
קומט א העלער טאג א נייער !

## מיר שמיעדען דעם פרייהייטס־פארבאנד

עס אָטהעמט דער בלאָז־זאק אנטקעגען די פלאמען,
עס שלאָגען די האמערס אָן גלוט־רויטען שטאָל,
עס שפּריצען און טונקען זיך גאָלדיג די פונקען
אין אויגען פון ריינער התלהבות באטרונקען
און איבער דעם פייער קלינגט מעכטיג א קול:
ציה שטארקער די מוסקלען,
הויב פלינקער די האנד,
דיין האמער זאָל הילכיגער קלינגען:
מעהר רינגען, מעהר רינגען,
מעהר שטאָלענע רינגען!
מיר שמיעדען, מיר שמיעדען דעם פרייהייטס־פארבאנד!

עס וויעגט זיך דער האמער אין קלאנגען פון זילבער,
עס גליהען די רינגען אין גאָלדענעם שטויב,
עס מישט דער געזאנג זיך צונויף מיט די פלאמען,
עס פלעכט זיך די קראפט מיט דער ליעבע צוזאמען, —
דער שטאָלץ פון אן אָדלער, דאס הארץ פון א טויב: —
עס גליהען די מוסקולען,
עס ציטערט די האנד:
דער האמער זאָל הילכיגער קלינגען:
מעהר רינגען, מעהר רינגען,
מעהר שטאָלענע רינגען!
מיר שמיעדען, מיר שמיעדען דעם פרייהייטס־פארבאנד!

מיר שמיעדען דעם גלויבען, מיר שמיעדען די פרייהייט,
מיר שמיעדען א ליכטיגען, נייעם פארלאנג.
מיר שמיעדען פון הערצער, פון הערצער געטרייע,
אן אייביגען פריעדען פאר דורות פאר פרייע.

א שטאָלצען אַ נייעם אַז־ישיר־געזאנג.
עס גליהען די מוסקולען,
עס פיעבערט די האנד:
דער האמער זאָל הילכיגער קלינגען!
מעהר ריגנען, מעהר רינגען,
מעהר שטאָלענע רינגען.
מיר שמיעדען, מיר שמיעדען דעם פרייהייטס־פארבאנד!

## פּילגרים־ליעד

געבענשט זאָל זיין די האנד וואָס האָט
אין כמארנע אָסיען־טעג
דעם שעהנעם יונגען בוים געפּלאנצט
ביים זייט פון וואנדער־וועג.

געבענשט זאָל יענער זיין וואָס האָט
אין פלאנצען זיך געמיהט
און פלאנצענדיג אין דמיון שוין
געזעהן ווי שעהן ער בליהט.

ווי שעהן עס בליהט דער בוים, ווי פריי
דער פויגעל טרילט זיין ליעד
און איך — אין קיהלען שאָטען רוה
פון לאנגען וואָגלען מיעד.

אין גרינעם שאָטען רוה איך אָפּ
און בענש די זיסע שעה
ווען נאָך א וואנדערער, ווי איך
וועט שפּעטער רוהען דאָ.

דעם קאָפּ געבויגען צו די קניע
דעם שטעקען אין דער האנד.
און חלום׳ען, מיט אויגען צו
פון זיין געליעבטען לאנד.

פון בלויע, קלאָהרע שטערען נעכט
פון זון־געגילטע טעג —
געבענשט זאָל זיין די בוים וואָס בליהט
ביים זייט פון וואנדער־וועג...

## פּיאָנערען

ער האָט אין דער מדבר אנידערגעשטעלט
פון שניי־ווייסען לייווענט א שניי־ווייס געצעלט.
געזעצט זיך אין טיר און געהיט זיי, געהיט;
געזוכט מיט זיין אויער א רוישען פון טריט:
„א חבר דארף קומען. און ביידע בייגאנד,
דערמונטערטע, וועלען מיר ציהען צום לאנד.
מיין חבר, ער בלאָנזשעט. דאָך געהט ער, — ער געהט!
דער ווינד האָט דעם שפּור פון מיין פוס־טראָט פארוועהט...“

„דאָך געהט ער דער מיעדער. ער געהט און ער קומט! —
דער ווינד קעהרט דעם זאמד־שטויב. דער מדבר־לייב ברומט...“

*   *   *

א מדבר א גרויע צעשפּרייט פאר זיין טיר.
פון אויבען — א הימעל מיט שטערען אָהן שיעור: —
„געצונדען האָט גאָט זיינע גאָלדענע ליכט
כדי איך זאָל זעהן מיין חבר׳ס געזיכט! —
אָט, בלייכט דאָרט זיין פּנים!“ — ער שרעקט אויס
זיין האנט —
עס ווייזט זיך א שארבען, א ווייסער אי זאמד...

*   *   *

א מדבר א ברוינע. א גלוט־רויטער שטראל:
עס פלאקערט דער טאָג אויף, און — טרוקען ז׳דער קוואל: —
„פארשלאָסען האָט גאָט אויף א רגע איהם נאָר,
באלד שליסט ער איהם אויף און געלייטערט און קלאָר
וועט מורמלענדיג פליסען דער קוואל פאר זיין טיר;
וועט קוועלען נאָך קיהלער, נאָך פרישער ווי פריהר...

דער גומען צעטרוקענט. די ליפּען פאַרברענט,
די אויגען פאַרשטיינערט צום הימעל געווענדט: —
„ער־־ וואַנד־ערט, מיין ח־ב־ר־־־ ער געהט דאָרט, ער קומ־ט־ט“
העט ווייט אין דער מדבר דער מדבר־לייב ברומט.

* * *

ווער האָט אין דער מדבר אנידערגעשטעלט,
ניט ווייט פון זיין אש־גרויען צעלט א געצעלט?
— דער חבר, דער וואַנד'רער! דאָרט זיצט ער און היט,
און זוכט מיט דעם אויער א רוישען פון טריט: —

„א חבר דאַרף קומען ...“

## דער יוגענד־מאַרש

מיר זינגען אינאײנעם, אין ברען פון התלהבות,
דאָס ליעד פון בטחון און פרייד,
מיר טראָגען דעם גאָלדענעם מזרח אנטקעגנען
דאָס לעבען, פון יוגענד באַגלייט.

זאָל הילכען, זאָל שאַלען דאָס פריידיגע טראַמפּלען
פון יונגע, פון קרעפטיגע טריט.
דער ליכטיגער אמת גערט פאַראויס אין וועג אונז,
דער ווילען, מאַרשירט מיט אונז מיט !

און נעהמט זיך וועד וואַקלען... הויבט אָן צו באַקלאַגען
די יונגע פאַרלוירענע טעג;
נעהמט שרעקעדיג פרעגען: „ווי לאַנג וועט נאָך נעהמען?”
דעם לאָזען מיר איבער אין וועג.

די יוגענד זי וויל פון קיין ספקות ניט וויסען,
און פרעמד איז איהר יאוש און שרעק.
דער גלויבען בעפליגעלט די יונגע נשמות
און טראָגט זיי אין שטורעם אוועק...

עס רופט אונז די פרייהייט מיט טויזענד טרומפּייטען:
צום מזרח, צו ליכטיגער פרייד! —
מיט מוט אין די אויגען מאַרשירט זי, די יוגענד,
פון גלויבען און ווילען באַגלייט...

## צו דיינע פים, ירושלים

איך קום פון וויסטע לאנגען וואַנגל־וועג,
די פים אין ליים. אין מיסט די קליידער איינגעריכט
און פינסטער, ווי די נאַכט מיין גלות'דיג געזיכט.

ביי דיינע פים האָ, לאָז מיין מידען קאָפּ אין רוה.
מיט מיינע ליפּען אויף דיין קליידער־זוים, די אויגען
מאַך איך צו.
א רגע וויל איך האַלטען הינטער מיינע ציטערדיגע וויעס בלויז
די פריידען־טרערען מיינע, איידער ס'הארץ מיינס
לאָזט זיי לויז.
פון דיינע בערג, ירושלים, זאָל מיין פריידיג־פרייער
טרערען־קוואַל
צוגיסען זיך אין זונען־שיין — אַ גאָלדנער וואסער־פאַל...

דאָס איז מיין פרייד, מיין פרייד!
און זעהען זאָל די גאנצע וועלט און מיר מקנא זיין
מיין גליק, וואָס גיסט זיך פריי ביי דיר אין זונען שיין.

צו קען א ליעד געבוירען ווערען איצט?
צו קען פאַר מיר ווער שמידען א געזאַנג,
וואָס זאָל אין רינגען פאסען מיר מיין אויסגע'חלום'טען
פארלאַנג,
מיין ליכטיגען בעגעהר, וואָס איך האָב דורך דער
שטורעמדיגסטער נאַכט
אין מיין צוריכגענעם געמיטה געטראַגען און צו דיר
איהם איצט געבראַכט? —

ניין, ניין! הויב אויף דיין קאָפּ, ירושלים, און זעה:
אַן אָדלער לאָזט זיך פון די וואָלקען טיעף אין טהאָל אראָפּ, —
ער הויבט זיך אויף! אין זיינע נעגעל צאַפּעלט זיך
א בלוטענדיגער קאָפּ!
דאָך זעה, דאָס אויג אין קאָפּ שטראַהלט פרייד —
א שטראַהל פון גאָלד זיין יעדער־בליק!
וואָס מיינט עס, מוטער מיינע, זאָג! —

„דאָס איז דיין ברודער׳ס קאָפּ, וואָס איז געפאַלען
פאַר דיין גליק.
איעדער טראָפּען בלוט, וואָס טריפט אויף מיינע בערג אַראָפּ
פון ברודער׳ס בלוטענדיגען קאָפּ —
א ברכה איז, א זיסע טרויב, א רויטע רויז,
א צעדער פאַר דיין נאָך ניט אויפגעבויטען הויז!"

„און ווען דו וועסט די טרויבען דיינע זאַמלען אויף די בערג,
און אין די קעלטער טרעטען זיי און דורשטיג טרינקען זיך
דיין וויין,
און זינגען א באַרוישטער — וועמעס ליעד וועט דאָס דען זיין?

„און ווען אין הייסע טעג, די קינדער דיינע וועלען שטיל
אין שאָטען פון די צעדערן פירען זייער קינדער־שפּיעל —
דער קיהלער שאָטען אין מיין הייסען זונען־שיין —
וועמעס, וועמעס וועט ער זיין?!

„און ווען דיין ליעבסטע וועט איהר שעהנעם קאָפּ, פאַרצירט
מיט שמעקעדיגע רויזען רויט פון צווישען גרינעם מירט,
קאָקעטיש לעגען אויף דיין העלדיש־הויכער ברוסט.
און אין דיין האַרצען אויפבליהען וועט דיין הייסע מענער־לוסט,
און קושען וועסטו איהרע ליפּען—זיסער פיעל נאָך פון דיין וויין
וועמעס, וועמעס קושען וועלען דאָס דען זיין? —

„דיין ברודער׳ס ברכה! —
קוק זיך איין:
דאָרט שוועבט דער אָדלער הויך און לאָזט זיך אויף
די מזרח בערג אַראָפּ —
די זון געהט אויף — דאָס איז דיין ברודער׳ס קאָפּ!
א יעדער זונען־שטראַהל, — דיין ברודער׳ס בליק: —
דער קאָפּ, וואָס איז געפאַלען פאַר דיין פרייד און גליק."

## צעשראָקענקייט

צוגעמאכט די לאָדען,
זעה איך ניט די כמאַרעס
זעה איך בלויז די בליצען
דורך די לאָדען־שפּארעס.

גראָב איך אין דעם קישען
איין די גרויסע אויגען.
זעה איך ניט די בליצען — —
בלויז דעם רעגען־בויגען...

* * *

פון דעם פעלזען־בארג,
טיעף אראפּ אין טאָל
שלענגעלט זיך מיין וועג,
און דער וועג איז שמאָל...

שטעלט א צאם אין וועג
מיר אוועק דער נאר —
טויזענד ברכות איהם, —
בענש איהם, גאָט, דערפאר!

בענש דעם דומען קאָפּ,
בענש זיין שטארקען צאם: —
פון א וואסער־קוואל
ווערט א קליינער ים...

## דער בעל תשובה

שווערער דריק צו ד׳רערד דעם אקער,
ווען עס טריפט דער שווייס פון פנים
ארבייט זיך א סך געשמאקער.

זאָל דער שווייס געדיכטער פאַלן . . .
מאָרגען, ווען די זון וועט אויפגעהן
וועלן גאָלדיג־ראָזע שטראַלן,

מיט די טראפען טוי צוזאמען,
אויך דיין שווייס פון פנים טרינקען
און זיך גרויס פאנאנדערפלאמען.

און די ערד וועט שווארץ זיך שפּאַלטען,
און דו וועסט די זאָמען־קערנער
אין רשות פון גאָט באהאלטען.

גאָט וועט שפּעטער שיקען רעגען;
ביידע הענט אויף דיר פארשפּרייטען
און פארדאפלען דיין פארמעגען.

ווען דער זומער נעהמט זיך לעשען
און דיין סערפּ איז גרייט צום שניידען
און דיין דרעשער גרייט צום דרעשען —

וועט א ברודער דיינער קומען
און וועט פרעגען אהן און אטהעם:
„ווי האט זיך דאס אלץ גענומען?!״

ביטער וועסטו אין זיך לאכען: —
„דרהיים די גאנצע צייט געזעסען,
און ער קומט נאך חוזק מאכען!״

נאָר, ווען דו וועסט זיך פארקוקען
וועט ער אויף די קניען פאלען
און זיך בויגען און זיך בוקען.

און די ברוינע, שווערע זאנגען
וועלען רוישען: „דיין חרטה
איז צו גאט ארויפגעגאנגען;

איז אין הימעל אנגעקומען.
גאט האָט אין דיין הארץ געדרונגען
און דיין תפלה — אנגענומען!"

## די גוטע שעה

טאָמער איז זי נאָך ניטאָ,
די געבענשטע גוטע שעה —
וועט זי קומען, קומען נאָך.
ווארום קומען מ ו ז זי דאָך.

נעכטען האָב איך זי דערוואַרט:
ניט געקומען, אפּגענאַרט !
ווארט איך היינט נאָך. ווארט און היט.
טאָמער אבער קומט זי ניט ? —

ווארט איך מאָרגען, ווארט איך נאָך:
ווארום קומען מוז זי דאָך;
ווארט איך העט ביז האַלבער נאַכט,
ווארט מיט טירען אויפגעמאַכט,

ציגד אָן נאָך און נאָך א ליכט —
קומען קען זי אומגעריכט —
נעמט צום לעצטען ליכט א סוף,
איבערוועלטיגט מיך דער שלאָף —

בלייבט מיין אלטער זייגער דאָ.
שלאָגט אָהן מיר די גוטע שעה;
שלאָגט זי שפּעטער, העט הערנאָך...
קומען אָבער — וועט זי דאָך.

## דער קוואַל

עס שטראָמט דער וואַסער־קוואַל אַרויס
פון צווישען פעלזען־שפּאַלטען.
און ריזעלט דורך דעם שטילען טהאָל
אין טיעפען גראָז באַהאַלטען.

א גאָט, וואוהין, זאג, פיהרסטו מיך ?
וואוהין וועסטו מיך ברענגען ?
פארשיקסטו אין דער מדבר מיך
דער זאמד זאל מיך פארשלינגען ? !

צו ווילסטו מיך צום ווייטען ים,
צום שטורמישען דערפיהרען ?
און אין זיין פינסטערען תהום,
א, גאָט! מיך דאָרט פארלירען ? !

אין אטהעמען פון לינדען ווינד
רעדט גאָט צום שטראָם, צום שטילען:
„עס ציהען אלע וועגען גלייך
און געהען נאָך מיין ווילען...״

„דער וועג איז לאנג.. און ביז דו וועסט
אין טיעפען ים פארזינקען,
וועט טויזענד מאָל די סטאדע נאָך
אין פעלד דיין וואסער טרינקען״.

און אין דער מדבר, — מיעד, פארשמאכט, —
דער וואנדערער, דער בלאסער,
מיט ליפּען שווארץ, פון דורשט פארברענט,
וועט בענשען דיר דיין וואסער...

* * *

עס קוועלט דער וואסער־שטראָם ארויס
פון צווישען פעלזען־שפּאלטען,
און מורמעלט פ ר ע ה ל י ך דורך דעם טהאָל
אין טיעפען גראז באהאלטען...

# דער רויטער שראם

## דער רויטער תהום

מיר חלומ'ט: איך שטעה אויף א ריזיגען בארג
און בליק אין א פינסטערען אפגרונד אראפ.
עס פליעגלען די אָדלערס מיר איבער מיין קאָפּ
עס גליטשען די כמארעס זיך הינטער מיין קארק
און טראגען זיך ערגעץ אין חושך אוועק.
שטאָק־נאכט... עס באפאלט מיך א טויטליכע שרעק:

„וואָס האָסטו, אָ, גאָט, מיך אהערצו געבראכט;
געלאזט מיך אליין צווישען וואלקען און נאכט?!
און אונטען העט, אונטען אין חושך אין קאלטען
מיין פינסטערען אפגרונד האָסטו דאָרט באהאלטען;
א טויטען תהום פול מיט שפיציגע שטיינער,
מיט דערנער, מיט ווילדע, מיט קנאָכען און ביינער,
מיט פעסטיגע זומפען, מיט וויסטע, וואָס וווירצען
ארויס פון דעם חושך מיט גיפטיגע ריחות — — —
אה, ווען וועט דיין האנד מיך אין אפגרונד שוין שטירצען?"

פון חושך פון שווערען האָט רויט זיך אנטפלעקט
א האנד, און דאָס פנים מיר איבערגעדעקט
א רגע... און דאן איז די האנד וואו פארשוואונדען — — — —
מיין הארץ איז צעפליקט צו די פיס מיר געלעגען
און ס'האָבען, ווי פייער־ראקעטען, די וואונדען
פון הארצען צום פעך־שווארצען הימעל געשאסען
און רונד זיך אין פלאמיגע בויגענס געגאָסען
אריבער מיין קאָפּ און צום אפגרונד געפלאָסען — — —

אין פלאם פון מיין בלוט האָב איך איצט ערשט דערזעהן
דעם אָפּגרונד... און האָב מיט פארשטיקטע געשרייען
מיין קאָפּ אין די הענד, ווי אן אבל פארבאָרגען
דער פחד, אזוי ווי מיט שטאָלענע נעגעל
אין האלז האָט דאָס גרילציגע קול מיינס פארוואָרגען:

„נעהם צו דיינע הענד און מאך אויף דיינע אויגען!" —

האָט גרימיג פון חושך א קול זיך געצויגען —
„דען אלעס, וואָס איך האָב געוואָלט דיר אנטפּלעקען,
דער בלוט ים וואָס שטראָמט פון דיין הארץ זאָל פּארדעקען! —
צי ווילסטו איך זאָל פאר דיר מאָלען די שרעקען?
דיר מאָלען אין שטריכען, אין שווארצע, די בילדער;
דעם שדים־קאשמאר פון גיהנום נאָך ווילדער?
דיר מאָלען דעם שרעקליכען אפגרונד אין בילדער?!...

„די שרעקען די שווארצע פון אפגרונד פון טויטען,
זיי זעהען נאָך בלט'ער אָן זיך אויף רויטען:
מיין קאנווע — דאָס פלאמיגע בלוט פון דיין הארצען.
מיין פארב אלע גרוילען פון אפגרונד פון שווארצען...
דעם בייזען גיהנום אין אלע געשטאלטען,
וואָס איך האָב באגראבען געוואלט, אין דעם קאלטען
און טויטען תהום און אויף אייביג דאָרט האלטען
פון דיינע פערגלעזערטע אויגען באהאלטען, —
וועל איך פאר דיר מאָלען אין אלע געשטאלטען!"

„דאן זאָלסטו דיין קאָפּ, דו, פארשאָלטענער, בויגען!
ארויסרייסען וועל איך ביי דיר דיינע אויגען —
דעם אויגען, וואָס ווערען פון קאָפּ אויסגעריסען,
די וועלען אויס שרעק זיך שוין קיינמאָל ניט שליסען.
און דאָס, וואָס איך וועל דיר באלד מאָלען, זיי וויסען!
קען זעהען א בלינדער, קען זעהען א בלינדער! —
דאן — לאָז כ'וועל דיין האלז דיר פון ושט באפרייען —
א האלז אָהן א ושט וועט קיינמאָל ניט שרייען —
כי־כי־י־י..."—האָט דאָס קול אויף א קוויטש זיך פארצויגען—
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
פארציטערט האָב איך דאן מיין קאָפּ אנגעבויגען:
„נעהם רייס פון דעם קאָפּ מיר ארויס מיינע אויגען!
נעם רייס מיר ארויס מיינע אויגען!"

פארבאָרגען פון אונטער א רויך־ברוינעם נעבעל
האָט ו ו י ד ע ר די חיה'שע האנד זיך באוויזען: —
די פינגער אין בלוט און די נעגעל אין שוועבעל:

„אַט באַלד און דו זאָלסט דעם גיהנום שוין זעהען!"

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב פון מיין שלומער ערוואַכט מיט געשרייען...
מיין קישען, פאַרנעצט איז געוועזען פון טרערען.
אין פענסטער האָט בלייך קוים געשימערט א שטערען...

## פון א בריעף

(א זעלנער צו זיין מאמען)

גערעגענט האט א גאנצע וואך,
גערעגענט און עס רעגענט נאך,
די טראָפּען גרוי און שווער ווי שרויט
זיי פאלען און — דאָס פעלד איז רויט...
אוי מאמע, מאמע, מאמעניו!
אז וואויל איז דעם וואָס איז שוין טויט.

דאָך, מיך געטראָפען האט א גליק:
מען נעהמט מיך ניט אין שלאכט צוריק,
איך בין א העלד... נאר דאָך, וואָס טויג
א העלד, וואָס האט אַן איינציג אויג?
נאר, וואָס דיין ליעב און גליקליך קינד
קען זעהען, טייערסטע, אצינד? ! —
אוי מאמע, מאמע, מאמעניו!
ווען איך וואָלט זיין אינגאנצען בלינד.

די שווערע וואָלקען פויזען שווארץ,
דער קאָפּ טהוט וועה, עס קלעמט דאָס הארץ...
מיין יונגע נאָנע זאָגט ס'איז נאכט;
זי האט מיין בעט צורעכטגעמאכט;
איהר האנד צום קאָפּ מיר צוגעדריקט,
מיט מיטלייד מיר אין אויג געבליקט:
„שוין צייט צו שלאָפען... גוטע נאכט!"
איך האָב משונה זיך צולאכט:
איין אויג פארמאכען און ניט מעהר...
עס נעהמט ניט לאנג און ס'איז ניט שווער...
אוי מאמע, מאמע, מאמעניו!
דאָס איינע אויג האט אויך א טרער...

איך האָב דאָס איינע אויג פאַרמאַכט
און האָב פון ד י ר און א י ה ר געטראַכט:
וועסט וויינען ווען דו וועסט מיך זעהן;
וועסט מיט דיין בלינדען זוהן זיך פרעהען...
נאָר זי, — וועט לאָזען שטיל א טרער
און שוין צו מיר ניט קומען מעהר.
אוי מאַמע, מאַמע, מאַמעניו!
אָהן איהר צו לעבען — וועה, ווי שווער!...

## דער ערשטער שנעע

(אוים די בריעף פון א זעלנער)

הייגט האט דאס ערשטע מאל געשנעעט
און איך האב זיך אזוי געפרעהט,
אזוי געפרעהט!

אין הארץ האט עפעס זיך דערוועקט: —
די ערד וועט ווערען וויים באדעקט.
און ער, וואס ליגט דארט אויסגעשטרעקט,
די שטארע אויגען אנגעשטעלט
אויף אונזער כמארנער, קאלטער וועלט,
וועט פיהלען איצט, ווי פון דער הויך
דער ערשטער שנעע פאלט גרינג און ווייך
און צערטעלט איהם די באקען שטיל,
און קושט די בלויע ליפען קיהל,
און פלאטערט פייכט אין אויג אריין
און דעקט פאמעלעכעל איהם איין:
עס שלאפט דער העלד. שא... שטיל זאל זיין!
שא... שטיל זאל זיין!

עס האט געשנעעט, עס האט געשנעעט!
נאר וועה, ווי גרינג דער שנעע צעגיזהט,
ווי גיך דער ערשטער שנעע צעגעהט!
און איך האב זיך אזוי געפרעהט,
אזוי געפרעהט!...

איצט שפרייט זיך ווידער ארום מיר
דאס פעלד, דאס וויסטע, פונקט ווי פריה'ר.
און ער, די צייהן צונויפגעדריקט
צום כמארנעם הימעל פינסטער בליקט

און אויף די באַקען קאַלט און גרוי
צעגעהט דער שנעע אין טראָפּען טוי...
אַ פרעמדער, מאַמע, וואָלט געמיינט
אַז ער, וואָס ליגט פון קעלט פאַרשטיינט,
האָט זיך אַליין נאָר־וואָס באַוויינט,
און ווייך וואָלט ער דעם העלד געטרייסט.
נאָר מאַמע, מאַמעניו, וואָס ווייסט
דער פרעמדער דאָרט, וואָס שטאַרבען הייסט ?!
ווי קען דער פרעמדער דאָס פאַרשטעהן,
אַז ער אַליין האָט ניט געזעהן
גאָט'ס ליכט אין קנוילען רויך פאַרגעהן!
ווי קען דער פרעמדער דאָס פאַרשטעהן!?

בלויז יענער וועלכער חשך'ט דאָ
און גוסס'ט הונדערט מאָל אין שעה;
בלויז ער אַליין באַנעמט און ווייסט
וואָס לעבען מיינט, וואָס שטאַרבען הייסט...

אַ האַלבע שעה האָט בלויז געשנעעט.
און איצט — אַ ווינד אַ פייכטער וועהט...
און איך האָב זיך אַזוי געפרעהט,
אַזוי געפרעהט!

געציטערט האָט אומזיסט מיין האַרץ.
די ערד איז גרוי, דער הימעל שוואַרץ,
דער אוועגד קוקט אין פענסטער בלינד,
אין דרויסען יאָמערט בייז דער ווינד —
אוי ווינד איז מיר, אוי ווינד און וועה!
אַ ווייסער חלום, מאַמעניו!... דער ערשטער שנעע...

## א שלאָף־ליעד

(אויף נאָך דער מלחמה)

מאַמאַ, מאַמאַ! כ ' ק ע ן ניט שלאָפען,
עפּעס האָט אין גאַס געטראָפען.
— שטילער, קינד מיינס — קוליעס קלאַפּען,
אויף די שטיינער קוליעס קלאַפּען.

שלאָף שוין, שלאָף שוין, נ ו!
מאַך די אויגען צו.

מאַמאַ, מאַמאַ! כ ' ק ע ן ניט שלאָפען,
האָסט געלאָזט דאָס פענסטער אָפען,
וואָיעט ווער אין גאַס אצינדער?
— רוהיג קינד, דאָס וויינט א בלינדער,
אין דער פינסטער וויינט א בלינדער.

שלאָף שוין, שלאָף שוין, נ ו!
מאַך די אויגען צו.

מאַמאַ, מאַמאַ! כ ' ק ע ן ניט שלאָפען,
ווער איז אויף דער גאַס אנטלאָפען?
עפּעס מענשען שרייען, ברומען...
—עמיץ האָט א ברויט גענומען
בלויז א ברויטעל צוגענומען...

שלאָף שוין, שלאָף שוין, נ ו!
מאַך די אויגען צו.

מאַמאַ, מאַמאַ! כ ' ק ע ן ניט שלאָפען!
האָט מיט פּאַפּאַ'ן וואָס געטראָפען?
מאַ, וואָס שווייגסטו?... זאָג, ווער בליפּעט!?...

— ר־ו־ה־י־ג, ק־י־נ־ד! דער לאָדען סקריפּעט...
פון דעם ווינד דער לאָדען סקריפּעט...

שלאָף שוין, שלאָף שוין, נ־ו־ו־!
מאַך די אויגען צו־־ו־ו...

# דאָס נייע קלאָג־ליעד

(קוואַרטעט)

דער קברן.

זשאַווערט, זשאַווערט מיר מיין רידעל
אַך, דעם קברן דאַרף היינט קיינער! —
קראָהען עסען מיינע מתים
און די וועלף — דאָס רעשטעל ביינער...

דער מטה־טרעגער.

פוילט מיין מטה, פוילט מיין מטה,
קיינער דאַרף איהר היינט ניט האָבּען! —
רעגענס טובל׳ען מיינע מתים
און די נאכט וועט זיי באַגראָבּען...

דער לייווענט סוחר.

מייזלעך עסען מיר מיין לייווענט.
ווער וועט היינט תכריכים נעהען? —
מתים־שאַרבּענס... ס׳וועט דער ווינטער
קומען און זיי וויים פאַרשנעען...

די ליכט־פערקויפעריז.

מיינע ליכטלאַך שימלען, שימלען.
און מיין בּוימאויל — ווערט פערדאַרבּען:
„ווען איז יאָהרצייט?...״ קיינער ווייס ניט
ווען זיי זיינען דאָרט געשטאָרבּען!...

## דער העלד

מעדאַלען האָט דריי מיר געשאָנקען דער קעניג
און האָט נאָך דערצו מיר די פרייהייט געשאָנקען;
אַ העלד בין איך, ליעבסטע, איז דאָס דיר נאָך ווייניג?

איין האנד האָב איך מקריב געווען פאַר מיין קעניג,
די צווייטע וועט העלדיש און טריי דיך אומאַרמען —
און איז דיר איין אָרעם, מיין טייערסטע, ווייניג?

מיין היים — פאַר דעם צינז האָט פאַרנומען דער קעניג,
דערפאַר אָבער האָט ער די לענדער פון שונא
עראָבערט, מיין ליעבסטע, איז דאָס דען נאָך ווייניג?!

איין האנד... דריי מעדאַלען... אַ העלד ביי מיין קעניג!
און יעדערער וועט דאָך אונז שענקען מיט חשק,
אַ שעהנע נדבה. איז דאָס דיר נאָך ווייניג?!

1914

(א בלעטעל אוים מארס' לוח)

דאָרטען געהט דער אַלטער יאָהר,
מיט די ווייסע לאַנגע האָר,
מיט די שטאַרע אויגען
צו דער ערד געבויגען:
טריק־טראַק־טראַק - —
טריק־טראַק־טראַק — —

וואָס איז אין זיין זעקעל?
ביינדעלאך א פעקעל;
ביינדעלאך און קנאָכען,
הערצעלאך צובראָכען:
טריק־טראַק־טראַק — —
טריק־טראַק־טראַק — —

וו'הין־זשע געהט דער אַלטער,
אין דער נאַכט דער קאַלטער,
מיט דעם זעקעל ביינער?
וו'הין? — דאָס ווייס ניט קיינער:
טריק־טראַק־טראַק — —
טריק־טראַק־טראַק — —

## תרע״ח

איהר, וואָס שטעהט מיט נאַסע אויגען
צו דער ערד דעם קאָפּ געבויגען,
און דאָס הארץ פון צער פארביטערט,
ווי א בלאַט אין אָסיען ציטערט
פאר דעם נייעם גזר פון הימעל: —
לשנה טובה!

איהר, וואָס וואנגעלט מיעד, צעבראכען —
ווייט פון דר׳היים און אָהן בטחון —
איבער וויסטע מדבר־וועגען,
אויסגעוויייקט פון קאַלטען רעגען
און איהר קענט קיין רוה געפינען: —
לשנה טובה!

איהר, אין וויסטען פעלד אין רויטען...
וואו עס האַגלען טויזענד טויטען,
וואו מיט יעדער שעה פארגעהען
טויזענד לעבענס, טויזענד וועהען,
טויזענדע בייגקענדע נשמות: —
לשנה טובה!

## פרעמדע טריט

עס זיצען די העלדען ביז שפעט אין דער נאכט,
דערצעהלען דער מאמען די גבורות פון שלאכט.
די אלטיטשקע גלויבט זיי: די זיהן האבען עדות,
זיי האבען מערדלען און קוליעס געבראכט...

דאס פנים פאר'דאגה'ט, די אויגען פארטרערט,
די אלטיטשקע דרימעלט זיך אונטער און הערט.
דאס לעמפעלע קלימפערט. דער וואנד־זייגער טיקעט,
עס סטוקען די הילצערנע קוליעס אויף דר'ערד.

ביינאכט אבער שלאפט זיך דער אלטיטשקער ניט,
זי ליגט אויף איהר קישען א וואכע און היט: —
עס קלאפען אין שטיבעלע אונרוהיג קוליעס!
די מאמע, זי קען ניט דערקענען די טריט...

## רעקרוטען

עס שלאָגען די פּויקען און מיר האַלטען מיט
דעם טאַקט פון די קלעפּ מיט געמאָסטענע טריט.
עס שאַלט דער טרומפּייט, — מיר מאַרשירען אַרויס
און זינגען און פּייפען און האַלטען זיך גרויס.
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ — — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ — — —

„באַגינען פאַרלאָזען מיר ברידער די שטאָדט!"
און שלאָפען — זאָל בלויז דער אַלמעכטיגער גאָט...
דען מיר, וואָס מאַרשירען אַרויס באַלד צום שלאַכט;
מיר טאָרען אין שלאָף ניט פאַרלירען די נאַכט:
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ — — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ — — —

א פלעשעל מיט „ביטערס", א מיידעל ביים זייט.
ווער ווייסט וואו מיר שפּאַנען, דאָך זיין מוז עס ווייט...
א זופּ פון דעם פלעשעל, א קוש און א דריק...
גאָט ווייסט, אָ, גאָט ווייסט ווען מיר קומען צוריק...
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ — — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ — — —

מאַרשירען מיר דרייסט מיט געלעכטער און שפּאַס.
די מיידלאך באַגלייטען אונז שטיל דורך דער גאַס;
איין מיידעל ווערט רויט און א צווייטע ווערט בלאַס...
„אדיע!..." און עס ווערען די אויגען אונז נאַס...
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ — — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ — — —

## דער וואָלונטיר

א ביקס מיט פּאַטראָנען, א בלאַנקענדער שווערד,
צוויי בלישטשענדע שפּאָרען, א זאָטעל, א פערד,
און ציטערען זאָל אונטער מיר אַזש די ערד.

באַטראַכט מיינע גלידער — פון גראַניט געבויט,
די מוסקולען, וואָס צאַפּלען זיך אונטער מיין הויט,
דאָס בלוט מיינס, וואָס פלאַמט אין די אָדערען רויט.

אַן אויג פון אַן אָדלער, די קראַפט פון א לייב,
א וואונק... און איך טהו זיך מיט שטורעם א הויב
אין ווילדען גאַלאָפּ צווישען פונקען און שטויב.

איך פליה פייל אויס בויגען, יעלט איין און ווערט אויס.
פון צווישען די שטויב־וואָלקען פלאַקערט ארויס
מיין קיווער, אַזוי ווי א שטערען די גרויס.

מיין נאַקעטען שווערד הויך אריבער מיין קאָפּ,
און פריי, ווי דער ווינד אין מיין ווילדען גאַלאָפּ
פון באַרג, ווי א וואַסער־פאַל יאָג איך אראָפּ.

## אין וואלד

פויקען קלאפּען, קולות שאלען.
שווערדען קלינגען, קוילען סווישטשען.
פויגעל פליהען פון די נעסטען
און אין וואלד די בלעטער פאלען...

שווערדען בלאנקען, קיווערם בלישטשען.
אויף אראפּגעבראָכ׳נע צווייגען
אין צעשטערטע נעסטען, וויסטע,
קראנקע פייגעל פּישטשען, פּישטשען.

קולות שאלען... שאָטענס פאלען...
און די זון אין וויטען מערב
לאָזט, א מיעדע, זיך ארונטער
און עס בלוטיגען די שטראהלען...

## פה־נקבר

א קויל האָט אין הארצען, אין הארצען געטראָפען.
ער ליעגט, צו דעם הימעל, די אויגען האלב־אָפען.
עס מינעט זיך בלאס די לבנה אנטקעגען,
צעריסענע וואָלקען זיך לאנגזאם באוועגען.

א קבר, א קבר ווער וועט פאר איהם גראָבען? —
אין פעלד וועלען ערגעץ זיך עטליכע ראָבען,
אודאי, פון איהם און זיין עלענד דערוויסען
און קומען די אויגען, די אויגען איהם שליסען.

א קדיש, א קדיש ווער וועט נאָך איהם זאָגען? —
ביינאכט אין דער פינסטער וועט קומען צוזאָגען
א סטאיע מיט וועלף און זיך ראָיען און ראָיען;
זיך איבער איהם רייסען און ארטשען און וואָיען...

דערנאָך, וועט א רעגען דאָס בלוט זיינס פארשווענקען,
און שפּעטער וועט גאָט איהם צוויי בלימעלעך שענקען.
דאָס איז דער פּ״ח נקבר, דערצעהלט באריכות:
איין בלימעל—דער נאָמען. דאָס צווייטע—זיין יחוס...

# א שריפה

(דאס ליעד פון אריםען וועכטער)

בים——באם——בים——באם——
שרייען צו דער נאכט די גלאָקען.
און פון גאס צו גאס די שריפה
ווילד, צולאָזט די רויטע לאָקען,
טרייבט מיט אימפעט, טויט צעשראָקען,
מענער, ווייבער, זקנים, קינדער,
סטאדעס אָקסען, פערד און רינדער.
בים——באם——בים——באם——

בים——באם——בים——באם——
איך אליין בלויז, זייער וועכטער,
שטעה זיך אויף דעם פייער־טורעם
קלינג און שטיק זיך פון געלעכטער.
קונציג אויסגעטאָקטע קלאנגען
שליידער איך ארויס צום שטורעם
און פער׳שכור׳ט, פול־התלהבות
ברעך איך אויס אין פרייד־געזאנגען:
בים——באם——בים——באם——

קלינגט געשווינדער!...
כ׳האָב קיין שאָף און האָב קיין רינדער,
כ׳האָב קיין הויז און האָב קיין שייער,
כ׳האָב קיין לענדער, האָב קיין גיטער,
כ׳בין פאר פרעמדע נור א היטער.
זאָל עס געהן מיט דעם פייער!
בים——באם——בים——באם——

בים——באם——בים——באם——
שפרייט זיך פריי און שפרייט זיך פרייער,
ווי א רויטער ים דאָס פייער.
ס׳ברענט דער קלויסטער, ס׳פלאמט דער צלם,

מעבעל, בעטגעוואַנד און כלים,
הייזער, שייערס, פלויטען, שטאַלען.
און עס וואַקלען זיך און פאַלען,
באַלקענס, קוימענס און דעכער.
און דער שטורעם, ווי אַ פעכער
טרייבט דעם רויטען בראַנד פאַנאַנדער:
„טראָג זיך ווייטער, טראָג זיך, וואַנדער!..."
בים—באַם—בים—באַם—

בים—באַם—בים—באַם—
שטויב און אש אַלצדינג ווערען.
שטעה איך אויף דעם פייער־טורעם,

קלינג און לאַך, און לאַך — מיט טרערען:
וואָס דאָס פייער האָט פאַרטראָגען
וועלען אַנדערע באַקלאָגען.
איך, האָב קיין זאַך ניט פאַרלוירען,
וואָס מיין הארץ זאָל אויף דעם טרויערען.
ווערה איז דעם וואָס האָט
אין לעבען
ניט אויף וואָס אַ קרעכץ
צו געבען!
קלינגט־זשע גלאָקען אוים געשווינדער:
ניט קיין שאָף און ניט קיין רינדער,
ניט קיין הויז און ניט קיין שייער,
זאָל עס גערהן מיט דעם פייער!
זאָל עס גערהן מיט דעם פייער!
בים—באַם—בים—באַם—
בים—באַם—בים—באַם—
ב——י——ם——ם——ם——

## צוריק מיט די זיעגער

געפירט האָט איהר דעם לעצטען שטריט
און איהר האָט מיך פון גלות יאָך בעפרייט.
פון אייער רייה ארויסגעטראָטען איז דער בראווער העלד,
דער מענש־און־גאָט, וואָס האָט פאר מיר זיך איינגעשטעלט.

געקעמפט האָט ער מיט אדלער־שוואונג, מיט ליבען־מוט —
פאר־וואָס־זשע זיינען מיינע הענט מיר איינגעריכט אין בלוט?
און אין מיין רעכטער האנד, ווי קומט די פורפור־שווערד?
און אויף די שטיוועל מיינע—פייכטע ליים פון פרעמדער ערד?
און אויסגעמאָסטענער טאקט אין מיינע שוואכע גלות־טריט?
און אין מיין בוזעם טיעף—א וואונד, וואָס ברענט און בריהט?

היינט וואו איז ער, וואָס איז געשטאנען לעבען מיר?
מיין חבר, מיט דעם אדלער־נאָז, דער שווארץ־
געקרויזטער גרענאדיר;
מיין חבר, וועלכער האָט צו מיר מיין זיידענס שפּראַך גערעדט
און יעדער נאכט, מיט אויגען פייכט, מיר נאָכגעזונגען
מיין געבעט?
איז וואו איז ער אצינד? וואָס איז מיט איהם געשעהן?!
נאָר ווארט. כ׳דערמאָן זיך אלץ. דאָס איז אזוי געוועזן:

אין טויזענד פלאמען אויפגעפלאקערט האָט די
לעצטע שחיטה־שעה.
איך שטרעק מיין האנד נאָך זיינער אויס און זוך — ניטאָ! —
פון ווייטענס ערגעץ אויף א ברעג פון פרייען, ברייטען ים,
דעם שונא׳ס לעצטע שטאדט פארגעהט אין ווילדען פלאם.
ווי פיילען שארפע שליידער איך די בליקען מיינע
אין דעם בראנד
און זוך: — דורך טויזענד פייער־צונגען שטרעקט
ער אויס צו מיר זיין האנד

און אויפגעהויבען האָב איך איבער זיך מיין
בלוט באנעצטען שווערד!

און אנדערש האָב איך איצט געזעהן און אנדערש
איצט געהערט.
אין פלאַטער־רויש פון פאַהנען טויזענדע,
אין הוזשעריי פון ווילדען פלאַם

געשריען האָט אַן אויפגערייצטער ווילדער ים.
און אין די טונקעל־גרויע קנוילען רויך האָב איך געזעהן ציה'ן
אין מהונות פינסטערע, אַ ווילדען שקלאַפען־שטאַם.
און פּלוצים וויקעלט זיך פון פייער־בראַנד אַרויס
אַ טונקעל־ברוינע מדבר, פריי און ברייט און גרויס.
און דאַן — אַ זון־געהילטע, גרין באַצירטע פרייע ערד...
אַ טעמפּעל, ליכטיג, שטאָלץ... אַ קרוין... אַ שווערד...
און דאַן, און דאַן — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
באַהאַלטען אין די הייסע פלאַקער־פאַלדען קאָרטשען זיך פון פּיין
און בושה פרויען קערפּער ווייס ווי אָנהויב־ווינטער שנעע.
און ראָזע קינדער־גופים'לעך צעריסענע אין צוויי.
און לאַנגע גרויע זקנים־בערד און גאָלדיג־בלאָנדע מיידעל האָר
און ס'קוקען דורך די פונקען קינדער אויגען, ווי
די שטערן קלאָר...
און איבער אַלעם קויקעלט זיך אין קנוילען פינסטערע
דער שווארצער רויך.

איך צייהל די קנוילען רויך: — צוויי טויזענד
שווארצע גלות יאָהר!
פון ווייטענס אויף דעם וויסטען ברעג פון רויט־געפאַרבטען ים
פאַרגעהט דעם שונא'ס לעצטע שטאָדט אין לעצטען פלאַם.
און הילכיג קלאַפּט די פּויק. און פריידיג יובעלט דער טרומפּייט.
און איך — דער לעצטער אין טריאומף־מאַרשרוט
אַ זיעגער־וועלט באַגלייט.

# קינדער

## די ברכה פון רעגן

פריהלינג־לעבען, פריהלינג לעבען.
גרויע, בלויע וואָלקען שוועבען.
הערט, עס דונערט? מאכט א ברכה.
געבען זאָל אונז גאָט הצלחה
אין דעם פריהלינג־פרישען רעגען
וואָס ער גרייט פון אונזערטוועגען.

פאַר די גערטנער, פאַר די וועלדער,
פאַר די סעדער און די פעלדער
טהוט זיך גאָט דער גוטער מיהען,
אז זיי זאָלען שעהנער בליהען;
זאָלען גיכער צייטיג ווערען,
דען ער דאַרף א וועלט ערנערען;
מוז פאַרזאָרגען אלע, אלע;
אונז מיט ראָזשינקעס און חלה
און דעם גוי מיט ברויט און קאשע
און די שעפעלעך מיט פאשע.

* * *

נאָך און נאָך און נאָך א רעגען
ווערט דער מארק פארלעגט מיט וועגען,
פול מיט אויבס פון אלע מינים, —
וואָלוועל, וואָלוועל, האלב בחנם.

פוהרלאָך קארשען, פוהרלאָך פלוימען,
שווארץ, ווי סאזשע פון דעם קוימען,
שטעהען אין א לאנגער רייהע
און זיי שמעקען א מחיה

און פון אויפגעמאכטע זעקלעך,
עפעל מיט פארפלאמטע בעקלעך,
שמייכלען, ווי זיי וואָלטען ריידען:
„פרואווט פארזוכען, — טעם גן־עדן!“

און א קאוואַן, פאר א דרייער,
זיס ווי האָניק, רויט ווי פייער,
פאר א חדוש ליגט אינמיטען
אויף א וואָגען זיך צעשניטען.

און מיר אינגלעך, אַלע טאַשען
פול מיט נאשעריי צום נאשען,
לויפען שפרינגענדיג כסדר
זאט פון מיטאָג גלייך אין חדר.

און מען לערענט קיין עין־הרע
חומש, רש״י און גמרא,
ס'וואקסען לומדים, — גאָט'ס פארמעגען —
ווי די שוועמליך נאָך א רעגען.

* * *

פון דעם פעלד אין אווענט קומען
די בהמות און זיי ברומען:
ברענגט די מעלקשעפלעך געשווינדער,
דען מיר האָבען פאר די קינדער
מילך געבראכט אייך, גאנצע ימ'ען.
און די מילך האָט טויזענד טעם'ען.

* * *

אין לבנה־שיין אין העלען,
שורות קריגלעך פאר די שוועלען
אָנגעגאָסען ביז די ברעגען,
פול, ווי ברונענס נאָך א רעגען...

ווייס, מיט הייטלעך דין פארצויגען,
שטעהען זיי און ווארפען אויגען
אויף די פוילע קעז, די גרויע,
און זיי שמייכלען פאר הנאה: —

עס, ניטאָ זיך וואָס צו שרעקען,
זאָלען זיי זיך נאָר באַלעקען
און די פּוכקע לאַפּקעס וואַשען.
זאט... מען קען ניט, נעבעך, נאַשען...

* * *

קליינע קינדער אין די וויגען,
אָנגעזויגען זאַטע, ליגען
מיט די פּיסעלעך פאַרהויבען
און זיי וואָרקען ווי די טויבען:
גע...גע...גו...גו... ס'מיינט מסתמא
„פאַר דער מילך, א דאַנק דיר מאַמע!

„גע...גע...גו...גו...״ ־ן מיט א זיסען
שמייכעל אויגעלעך זיך שליסען.
און פון בלויען קלאָרען הימעל
פלאַטערט שטיל אראָפּ גאָט'ס דרימעל.

ליולעט איין זיי ליעב און וואַרעם —
שטילער רעדט. ניט מאַכט קיין ליאַרעם.
ס'בליהען קינדער — גאָט'ס פאַרמעגען:
בלומען אין א פריהלינגס־רעגען...

# דונער

זיבען־פייער־פערד געשפּאַנט
אין אַ פייער וואָגען.
זיבען בליצען אין גאָט'ס האַנט: —
זיבען לייצעם אנגעצויגען
און די פערדלעך יאַגען
פייל־פון־בויגען.
היי, גאַלאָפּ !
באַרג אַרויף,
באַרג אַראָפּ.
נאָך אַ שמיץ
מיט אַ בליץ: —
ט־ר־ר־ר־ר־ר — — —

גרויסע זאַגען: ס'דונערט.
אָבער הערט וואָס קינדער זאָגען: —
„גאָט פאָרט אום אין הימעל
מיט זיין פייער וואָגען: — "
ט־ר־ר־ר־ר־ר — —

# רעגן

זיבעצן לאנגע שעה גערעגנט,
זיבעצן שעה אין הויז געזעסן;
ניט ארויסגעגאנגען.
אפשר האָסטו, גאָט, פארגעסן
וואו דו האָסט דיין רעגנבויגן
ערגעץ אויפגעהאנגען?
וואו אין הימעל איהם באהאלטען
און — ארויס פון זינען.
שיק־זשע גאָט דיין יונגסטען מלאך
וועט ער איהם געפינען.

צווישען ווייסע וואָלקען־פּליטער
הענגט ער אויף דיין רעגנבויגען.
טוט א פלאטער, טוט א ציטער: —
פ־ע־ר־ר־ר־ר־ר־
און — אוועקגעפלויגען.

און די לעצטע טראָפּען רעגן
טריפען, טריפען פון די ברעגען
דאך.
פלוך, פליאך,
פלוך, פליאך,
קאפען פון דעם דאך.

# זיידע

וואָס איז זיידע אַזוי גרוי? —
ווייל א זיידע איז אזוי!
זיידע שפּאַנט זיך טריט ביי טריט...
ווייל א זיידע אילט זיך ניט.

זיידע טהוט די ברילען אָן? —
ווייל — א זיידע דאַרף עס טהאָן.
זיידע לערענט תורה פיעל —
ווייל א זיידע קען און — וויל!...

זיידע רויכערט ניט קיין סך,
ווייל — דאָס הארץ איז ביי איהם שוואך!
שמעקט ער טאַביק בלויז און — ניסט:
האָפּ־ציאָ... האָפּ־ציאָ, שיסט און שיסט!

נעהמט זיך זיידע שמעקען פיעל...
ווייס איך שוין וואָס זיידע וויל!..
און — ווי ער צוניסט זיך נאָר,
שריי איך אויס: „צו לאַנגע יאָהר!"

ווינש איך זיידען געזונד א סך —
זיידע, נעבעך, פיהלט זיך שוואך —
און פאַר זיידענ'ס יעדען ניס
שענקט איהם גאָט — א יאָהר געוויס!...

# באבע

דער באבען ווערט היינט זעכציג יאהר.
אינגאנצען זעכציג? ד אָ ס  א י ז  ג אָ ר ?!
א באבע דארף זיין אלט — איך קלעהר —
הונדערט־צוואנציג און נאָך מעהר!

א באבע דארף זיין ז ע ה ר גרוי
און איינגעהויקערט — אָט־אזוי!
און קענען דארף זי אָהן א שיעור
מעשה'לעך דערציילען מיר.

און ליעדלעך דארף זי קענען פיעל,
און זינגען דארף זי זיס און שטיל,
און וויעגען דארף זי מיך אין שויס
ביז כ'וועל ווערען  א ז ו י  גרויס!

דער באבען ווערט היינט זעכציג יאהר.
אינגאנצען זעכציג? ד אָ ס  א י ז  ג אָ ר ?!
א באבע דארף זיין אלט — איך קלעהר —
הונדערט־צוואנציג און נאָך מעהר!

## א גאַסט

דאָקטאָר האָט די לעצטע נאַכט
אונז א ברודערל געבראַכט.
איז דאָס אַזוי רויט און קליין!
ס'האָט קיין האָר און ס'האָט קיין ציינער,
ס'קאָן ניט רעדן, ס'קאָן ניט גיין.
ניט ער אַרט דעם, ניט ער ווייסט!
וואָס דאָס איז און — ווי דאָס הייסט...

נאָר ער שרייט, און נאָר ער וויינט!
אַסור אויב ער האָט געלווינט.
אַז איך קאָן ער ניט פאַרשטיין?!
וויל ער זיצן? וויל ער שטיין?
וויל ער עסן? וויל ער גיין?

רייסט זיך... ווערט אַזש ברוין און בלוי!
מאַמע זאָגט: ער וועט אַזוי
שרייען דריי חדשים בלויז. —
ז'איך וועל מוזן זיין אין הויז:
ווארום מאַמע וועט אליין
דרויסן מיך ניט לאָזן גיין.
דריי חדשים... אָהן אַ סוף! —
אוי, ווי ס'מאַטערט מיך דער שלאָף...

מאַמע נעמט ער נאָך אין שויס;
קושט דעם יעדן אבער אויס.
קושט און גלעט ער אָהן אַ שיעור
און פאַרגעסט זיך גאָר אין מיר.

ווייל איך שפּיעל זיך אינדערשטיל
ווייס ניט מאַמע וואָס איך פיהל,

ווייס ניט מאמא וואָס איך קלעהר,
זעהט ניט ווי איך שלינג א טרער
שטיל אראפּ און זאָג ניט אויס...
כ'שעם זיך וויינען... כ'בין שוין גרויס — — —

## פאפא׳ס אינגעלע

פאפא, זאָגט מען, איז אליין
אויך אמאל געוועזן קליין.
פלעגט ער טאקי אויך, ווי איך,
מיט די קינדער שלאָגען זיך?

און זיך פוילען אויפצושטעהן
און אין חדר אריין געהן?
פלעגט ער פטר׳ען, ווי איך,
אלע חדש א פּאָר שיך.

און אין רעגען, אויף דער גאס,
שפּיעלען זיך און ווערען נאס?
פלעגט ער אויסגיסען אמאל
פונקט, ווי איך, די מילך פון שאָל?

נאשען צוקער אָהן א שיעור? —
וואָס־זשע שרייט ער איצט אויף מ י ר?!
„היים! וואָס כאפּסטו?... טהו א בלאָז!
זעה נאָר, זעה נאָר, אוי, א נאָז!״...

„קוק נאָר אָן ביי איהם צוויי הענט!
און א פּנים שווארץ, פארברענט,
און א פאאר צעקרומטע שיך — —
כ׳פרעג דיך נאָר, — וואָס טראכסטו זיך?!״

איך זאָל זאָגען וואָס איך טראכט? —
אוי, וואָלט איך געלייזט, מיר דאכט!
זאָגען א י ה ם: אז ער אליין
ז׳אויך אמאל געוועזן קליין...

טאַקי, — מאַמע זאָגט: כ׳בין נאָר
פּונקט דער טאַטע... אויף אַ האָר...
איך וואָלט אויך דאָס איהם געזאָגט...
האָב איך מורא... פּאַפּאַ שלאָגט!...

## א זעלנער

וואָס וועל איך זיין ווען איך וואקס אויס ?
כ׳וועל זיין אזוי ווי פּאפּא גרויס.
נאר פּאפּא איז אזוי א מאן,
און איך וועל זיין — א זעלנער דאן!

דו ווייסט, א זעלנער געהט אין שלאכט
און האט קיין מורא ניט ביינאכט.
א זעלנער טראָגט א ביקס מיט זיך
און אז ער וויל נאָר — שיסט ער דיך!

א זעלנער רייט זיך אויף א פערד
און האָט אן אמת׳דיגען שווערד.
ער טראָגט א ראָק מיט קנעפּ פון גאָלד,
און ס׳האָט דער קיסר שטארק איהם האָלד.

צו אינגלעך איז א זעלנער גוט.
און ווייסטו וואָס א זעלנער טהוט ?
„דו ווילסט א קנעפּעלע״? זאָגט ער — „נא!
א גאָלדען קנעפּעלע און שא״!

ביי איהם א קנעפּעל, — אויך א זאך!
ער האָט דאָך קנעפּ פון גאלד א סך!
ווילסט נאָך א קנעפּעל ? — בעט, דו נאר!
ער וועט דיר גאר ניט טאָן דערפאר!

ער נעהמט אזוי, — א דרעה אראפּ!
און אָט איז נאָך א גאָלד׳נער קנאָפּ.
דו נעמסט און לויפסט אהיים אויף גיך,
פערקויפסט דעם קנאָפּ און קויפסט דיר שיך.

און קויפסט א מעסערעל א קליינעם,
און קויפסט א סדור'על א שעהנעם.
און קויפסט א בייטעלע זיך דיר,
מיט קנעפלעך, קנעפלעך אהן א שיעור !

און אינגלעך קומען באלד צו דיר
און בעטען: „זעה, גיב מיר, גיב מיר !"
דו גיסט א יעדער אינגעל — צוויי
און הויבסט אן שפילען זיך מיט זיי.

איהר שפיעלט אין קנעפלעך און — מיט גליק !
געווינסט די קנעפלעך אפ צוריק.
און ווידער ביזטו רייך, ווי פריהער.
און ווידער קומען ז י י צו דיר,

און פילדערען: „גיב מיר, גיב מיר!"
און דו — דו טהיילסט: „נא דיר, נא דיר." —
סיי ווי געווינסטו זיי צוריק:
דער עושר האט דאך ש ט ע נ ד י ג גליק!

## דער פיעדעל שפּיעלער

(עראינערונג)

א פיעדעלע פון ברעטעלעך
האָב איך זיך אויסגעשניצט,
מיט רויטער טינט דאָס אפּגעפּארבט —
א שמיטשיק פעהלט מיר איצט!

ביי מאָטיע וואסער־פיהרער׳ס פערד
האָב איך א גאנצע וואָך,
גע׳גנב׳עט האאר פון עק און איצט —
קאָנפאָליע פעהלט מיר נאָך!

רפאל׳ציע כלי־זמר׳ס אינגעל האָט
קאָנפאָליע אָהן א שיעור..
איך צאָהל איהם אויס מיט קנעפּלעך און —
טאָ וואָס־זשע נאָך פעהלט מיר? — — —

דער טאטע ערגעץ דאָרט אין קלויז
זאָל זיין פאר׳עוסק׳ט שטארק...
די מאמע זאָל כסדר זיין
פארפאָרעט אויף דעם מארק.

דער רבי זאָל פארקיהלען זיך
און לאָזען אונז אהיים — —
אויף יענעם זייט פון טייכעלע
איז דאָ איין אלטער בוים.

דאָרט וועל איך מיט מיין פיעדעלע
זיך זיצען אין דער שטיל
און שפּיעלען זיס נגונים׳לעך
און שפּיעלען מיט געפיהל: —

## דער זינדיגער

(עראינערונג)

אז א אינגעל רויכערט — הויבט איהם אז
שפראצען א בערדעל און גלוסטען א — כלה
(חדר־אבערגלויבען)

איך גנב'ע טוטין ביי מיין טאטען
פון פושקע, און שאפע דארט הויך.
איך קאן זיך „פארציהן", ווי א גרויסער
און לאזען פון נאז שוין דעם רויך.
יא, יא!

דער רבי, דער בייזער, ער סטראשעט:
„דאס רויכערען האט אזא כח —
עס נעהמט דערפון שפראצען א בערדעל
און גלוסטען א כלה נאך אויך.
יא, יא!"

— נעהמט שפראצען א בערדעל... א כלה...
איך האב פון דעם חוזק געמאכט.
איצט שיט זיך מיר טאקי א בערדעל
און ס'ווילט זיך א כלה, מיר דאכט...
יא, יא!

מיר שיט זיך א בערדעל. אודאי!
איז — ווייס איך דערצו וואס מען טוט...
נאר דאס, וואס מיר ווילט זיך א כלה,
א כלה — — א־דאס איז ניט גוט!
יא, יא!

ביינאכט... אין דער פינסטער... אין אלקער...
פערהויכער איך — דאכט זיך מיר אוים:
פון הינטער די רויך־בייגעל ווינקען
מיר מיידעלשע אויגען ארוים.
יאָ, יאָ!

זיי ווינקען... זיי שמייכלען... זיי רופען...
פארמאך איך די אויגען גשווינד —
דערזעה איך געשטאלטען... געשטאלטען —
כ׳דערציייל ניט, ס׳א ש ר ע ק ל י כ ע זינד!
יאָ, יאָ!!!

## דער קראנקער

ווידער שוין זיך אפגעשטעלט.
ווייס איך וואס דעם זייגער פעהלט!?
געהט אזוי שוין יאהרען לאנג.
זעלטען ווען געוועזען קראנק.

כ׳האב פארגעסען: לעצטע נאכט
האב דאס פענסטער ניט פארמאכט.
ווארום ביי דער נאכט איז קאלט
און דער זייגער איז שוין אלט.

אוי, ער איז דאך אזוי אלט!
אפשר, ווי די באבע באלד.
נאר די באבע א ו י ך ווי ער
הוסט און אטעמט עפעס שווער...

ווען איך וואלט א רופא זיין,
וואלט איך איהם פארשריבען וויין.
און איהם גוט ארומגעטראכט...
דריי קאמפרעסען איהם געמאכט

און פארשריבען ערשט דערנאך —
פיש-שמאלץ אויף א גאנצער וואך.
דאן וואלט ער ניט כריפען מעהר
און ניט קלינגען אזוי שווער: —

טיק און טאק... און טיק און טאק
נאר געקלונגען: — הויך, געשמאק!
קלינג און קלאנג, און קלינג און קלאנג...
און אזוי אויף יאהרען לאנג.

## אין דער הוידעלע

א וויעג אהין, א וויעג אהער.
די הוידעלע זי געהט ניט שווער.
דער בוים איז הויך, דער צווייג איז דין —
א וויעג אהער, א וויעג אהין!

נו, שטארקערווארף. איך שרעק זיך ניט.
דער פויגעל זינגט — נו, זינג איך מיט.
די צווייגען בויגען זיך אזוי
און איבער מיר דער הימעל — בלוי!

נו העכער, העכער שליידער מיך
כ'וועל הוידען, הוידען, הוידען זיך!
די וואָלקען פוכקע, ווייס און ווייך
די לאַנקע גרין, די ווערבע־הויך!

א־י־ה־אָ! איך בין א פעדער־גרינג.
א־י־ה־אָ! איך בין א שמעטערלינג.
דער שטריק איז לאנג, די צווייג איז דין
א וויעג אהער — א וויעג אהין! — —
א־י־ה־אָ! — א־י־ה־אָ!

# צעריסענע שיכעלעך

ביינאכט האָט דער שנעע אָהן אַן אויפהער געשאָטען.
איצט ליגט ער א ווייסער פון קיינעם צעטראָטען.
אין גאס וועלען מענשען זיך שרעקען צו געהן
און שפּעטער אביסעל וועט נאָך אמאָל שנעען —
און איך וועל אין חדר אודאי ניט געהן.

די קיכען־טיר עפענט זיך אויף און פאַרמאכט זיך:
דער טאטע ברייגט האָלץ פאר דער הרובע, מיר דאכט זיך.
יאָ האָלץ... דען די מאַמע זי קרעכצט עפּעס אונטער:
„ער איז נאָך מיין לעבען געקומען, דער ווינטער".

אוי, גאָטעניו, זאָל שוין דער שנעע מעהר ניט פאַלען.
זאָל אויפגעהן די זון און מיט ווארעמקייט שטראהלען;
צעגעהן זאָל דער שנעע און זאָל בלישטשענדיג פליסען.
אין חדר מיר שיקען — — — די מאַמע דאַרף וויסען
אז איך האָב די שיכעלעך מיינע צעריסען...

אוי גאָטעניו, גאָטעניו, מעהר זאָל ניט שנעען.
אָט באַלד זאָל דער שנעע זיך א י נ ג א נ צ ע ן צעגעהן.
כ'האָב האָלד, ווען עס יאָגען אין דרויסען די קוואַלען
און פינקלען אַנטקעגען די ליכטיגע שטראַהלען...

כ'האָב האָלד, אז אין מאַרק דאָרט די פייגעלעך שפּרינגען
און פּיקען די זערנעס און פּישטשען און זינגען.
און רופען און רופען און ווילען ניט וויסען,
אז מיך האָט די מאַמע געמוזט היינט פארשליסען
אין שטוב... דען די שיכעלעך זיינען צעריסען...

## דער ניט דערוואַקסענער

אז איך בין א קליינינקער —
וואָס־זשע געהט איך אָן ? !
איז דאריבער נעהמט איהר מיר
ניט אריין אין קאָן ?

כ׳געה, ווי איהר אין חדר דאָך,
לערען פונקט, ווי איהר !
וואָס־זשע פּאַסט איך עפּעס ניט
שפּיעלען זיך מיט מיר ?

נאָר א דאגה מיר, איך וויים,
וויים שוין וואָס כ׳וועל טאָן : —
אָט, איהר זעהט אין הימעל דאָרט
קומען וואָלקען אָן ?...

באלד וועט נעהמען רעגענען —
געה איך מיר ארוים,
שטעל אין רעגען זיך אוועק
און ווער תּכף גרוים !...

שטעהט א ווערבע־בוים ביים טייך
און א רעגען געהט —
איך בין אויך א ווערבע־בוים...
אוי, ווי הויך ! איהר זעהט ?...

# צעשאַטענע קאַרעלען

# דער באָבע׳ס טאַנץ

שפּיעלען פידלען זיס און טייער,
צינדט זיך אָן דאָס יוגענד־פייער
אין דער אַלטער, פרומער באָבע.
וואָס מיר עלטער, עולם־הבא ?
עט, פאַרגעסען זיך אין גאַנצען —
טאַנצען וויל די באָבע, טאַנצען!

שטעלט־זשע אין א ראָד זיך אַלע,
טאַנצען געהט זי מיט דער כלה,
מיט דער כלה מיט דער שעהנער,
זי אליין און ווייטער קיינער.

ברייט דעם פּאָדעליק צענומען,
מיט א שמייכעל אויף דעם פרומען
בלאַסען מוטער־שרה פּנים,
טאַנצט זי פאַר די מחותנים,
טאַנצט און ס׳רוהט אויף איהר די שכינה.
וואָס מיר ברילען, ווען מיר תחנה,
וואו מיר הויקער, ווער מיר שטעקען.
עלטער, שוואַכקייט, — פּוסטע שרעקען!

שפּיעלען פידלען, שפּיעלען פלייטען,
טאַץ און קעסעל־פּויק באַגלייטען.
און די אַלטע האַצקעט, דרעהט זיך,
פליעסקעט צו צום טאַקט און פרעהט זיך:

ס׳לעצטע אייניקעל א כלה,
נחת, דאַנקען גאָט, אין אַלע.
אויסגעגעבען זיהן און טעכטער
איצט א דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!

יונג־וואָרג שטעהט און כיכעט מונטער,
ווינקט זיך איבער... פּייערט אונטער:

„שטאַרקער, שטאַרקער, שטאַרקער, גיכער״.
ס׳פליהט די אַלטע ווי אַ וויכער.
לאַכט און בויגט זיך, וויעגט און קנייטשט זיך,
ווינקט קאָקעטיש, רופט און רייצט זיך:
„אַט אַזוי פלעגט מען באַלייטען
טאַנצען, קינדערלעך, פאַרצייטען...״

שפּיעלען פידלען, שפּיעלען פלייטען —
מיידעל־טרוימען, ווייסע קווייטען
בליהען אויף אין איהר זכרון —
חנ׳עוודיגע יונגע יאָהרען!
און אין האַרצען וועקט און וועקט זיך
און אַ חלום שטיל אַנטפּלעקט זיך:

האַלבע נאַכט... אַ קליינער צימער,
ס׳פלאַטערט אום אַ געלער שימער
און אין דונקעלהייט פאַרצויגען,
שוואַרצע, זיידענע צוויי אויגען
וויעגען רוהיג זיך און וויעגען
און אַ שטילער תורה־ניגון,
מיט אַ האַרציגען־זיסען טרויער
פליסט און גיסט זיך איהר אין אויער.

און אין אויג, דערפיהלט זי, ציטערט
איהר אַ טרעהר און ווערט צעשפּליטערט;
גליטשט זיך הייס אַרוים פון צווישען
איהרע וויהעס אויף דעם קישען:

„קום, איך קען שוין מעהר ניט האַלטען
אונטער׳ן האַרץ דעם סוד באַהאַלטען...״

שפּיעלען פידלען, שפּיעלען פלייטען.
מאַמע־טרוימען... ראָזע קווייטען...
בלויע נעכט... פאַרקלערטע שטערען...
אומעט־ליעדער... שטילע טרעהרען...

און אין הארצען וועקט זיך, וועקט זיך
און א חלום, בלייך, אנטפּלעקט זיך:

ווייט... א שטיבעלע. איהר דאכט זיך
ס'האָט א לאָדען אויפגעמאַכט זיך.
בליקט זי דורך דעם פענסטער — קענטליך
עפּעס... מעבעל... גרויע ווענטלעך —
און א שאַטען עפּעס וויעגט זיך
און א קאַץ ביים הרובע ליעגט זיך
און א לעמפּעל עפּעס זשיפּעט
און א וויעגעל, הערט זיך, סקריפּעט — —
— — — — — — — — — — — —

שפּיעלען פידלען, שפּיעלען פלייטען —
בלאַסע טרוימען... אָסיען־קווייטען...
נעכט פארטריעבטע... כמאַרעס קאַלטע...
ווינטען בייזע... ווערבעס אלטע —
— — — — — — — — — — — —

אין א נעבעל גרוי פארצווייגען,
זילבער לאָקען, כמארנע אויגען
היין און הער זיך וויעגען, וויעגען.
און א שטילער תהילים־ניגון
פליסט און גיסט זיך איהר אין אויער
מיט א הארץ־געקלעמטען טרויער.
און די לאָדען זיך באַוועגען
און אין פענסטער קלאַפּט א רעגען
און א זייגער קריכט פארמאַטערט
און א ליכטעל צאַנקט און פלאַטערט...
און — — — — — — — — — — —

ס'שפּיעלען פידלען, ס'שפּיעלען פלייטען,
טאַץ און קעסעל־פּויק באַגלייטען
און די באָבע טאַנצט און פרעהט זיך
שעפּטשעט, כליפּעט און פארגעהט זיך:
„כ'דאַנק דיר, ליעבער גאָט, געטרייער!"

און די אויגען — פלאַמען פייער
און דאָס פּנים — לויטער שכינה.
וואָס מיר בּרילען, ווער מיר תּחנה,
וואו מיר הויקער, ווער מיר שטעקען,
עלטער? עט, אומזיסטע שרעקען!

עולם־הזה, עולם־הבּא,
טאַנצט אַצינדערט אויס די באָבּע...

# דייַע וועגען

(פרץ הירשביין א מתנה)

און וויעגען דיין שיף וועלען פריעדליכע ימים,
און הארציג דיר זינגען א שטילינקען נגון: —
א ציטריג וויעג־קינד ביזטו ביי דיין מאמען,
און צערטלך די הענט איהרע וויעגען דיך, וויעגען.
„הינטער פרץ'ס וויעגעלע,
שטעהט א קלאר־וויים ציגעלע".

און ליכטיגע וועלען אריבער דיר פלאמען
די שטערן אין בלויע, פאר'חלומ'טע הימלען: —
דאס קעפעלע לעג אין דעם שויס פון דיין מאמען
און איך וועל דיך היטען און זיס זאלסטו דרימלען
„דאס ציגעלע איז געפאהרען האנדלען
ראזשינקעס און מאנדלען".

פאר דיר וועט דער ים זיך א רוהיגער שפרייטען
ניט פרעגען וואוהין און ניט פרעגען פון וואנען.
און לאנד־פויגעל וועלען דאס שיף דיינס באגלייטען,
און וועלען אן הערצער דיר טרייע דערמאנען: —
„ראזשינקעס און מאנדלען,
וואו דו זאלסט ניט וואנדלען".

## פאר כל נדרי

(י. ענטין׳ען)

עם פלאַמען נעל די ליכט,
דעם חזן׳ס בלייך געזיכט
מיט טרויער איז פארצויגען
און פייכט זיינען די אויגען.

ער שטעהט, פון צער געדריקט,
ביים עמוד און ער בליקט
צום פלאַטער׳נדען פרוכת:
„גיב גאָטעניו, מיר כחות!...

„אַן ערדה שטעהט און וואַרט,
אין שרעק צענויפגעשפּאַרט,
ווי שעפּסען אין געוויטער
פארלאָזען אָהן א היטער...״

„כ׳האָב מורא, גאָט מיין האַר!
צו גרויס איז זייער צער,
צו טיעף דער ים יסורים,
צו פינסטער הענגט דער שטורעם״.

„און איך, — א קראַנקער בוים,
וואָס האַלט אויף דר׳ערד זיך קוים —
אוי גאָט, וועסטו כאָטש הערען,
ווי כ׳וועל צעבראָכען ווערען? !״

## נאָך נעילה

ווייסע קעפּ און פייכטע אויגן.
רוהיג, רוהיג איינגעבויגען,
דורך די געסעלעך די שטילע
טעהען זיידעס שוין פון נעילה.

לאנג שוין איז דעם שופר׳ס שאלען
אין דער לופטען זיך צעפאלען.
און די לעצטע טרער פון נעילה,
אויף דעם עמוד ליגט א קיהלע...

ווייט שוין צווישען שטערן העלע,
שווימט א מידע, שוועבט א געלע,
די לבנה אין איהר חלום ;
שמייכעלט בלייך : — „עליכם שלום...״

רוהיג, רוהיג איינגעבויגען
מיט פארטראכטע פייכטע אויגען —
שפּעטליך שוין... דאָך אָהן סכנות,
צוגעוואוינט שוין צו א תענית...

שפּאנען שטיל די ווייסע זקנים.
פון דעם הימעל, פון דעם ריינעם,
פינקלען שטערן קלאָרע, קאַלטע,
און באגלייטען שטיל די אלטע...

## הזכרות נשמות

(אויפ׳ן קבר פון אונזער שלום עליכם)

פארגליווערט איז געבליבען הענגען אויף זיין באק
די לעצטע טרעהר,
פארקיהלט דער לעצטער שמייכעל אויף די ליפען. שטיל,
ער לאכט ניט מעהר.
די פריידען וואָס ער האָט מיט זיך צו אונז אויף
דר׳ערד געבראכט
אין זיינע קינדערש־לאַכעדיגע אויגען ליעגען טויט פארמאכט.

אָה, גאָט!
פון קארגען ליכט האָסטו מיר אויסגעלאָשען נאָך א שטראהל.
אין מיין פארביטערטען געמיט מיר צוגעגאָסען נאָך
א בעכער גאַל.
פון וויסטען גאָרטען נאָך א בלום מיר אויסגעפליקט,
אויף מיין בית־עולם בוים מיר נאָך א סאָלאָוויי הערשטיקט!

געזעסען בין איך אין דער פינסטער און אין אנגסט געוואַרט:
די וואָלקען האָבען אויף דעם הימעל זיך צענויפגעשפאַרט,
ווי שעפסען אין א שטורעם־ווינד. איך בין געזעסען
און געוואַרט: —
אָה גאָט, באַווייז מיר כאָטש א בליץ אין חשך פון ד׳ער נאכט,
דו האָסט אין שטורעם אויסגעשטרעקט דיין האַנד און מיר
די לאָדען צוגעמאַכט.
דאָך, — דורך די לאָדען־שפּאָרעם האָט מיט גאָלד געטאָן
אשפריץ,
און פונק נאָך פונק געפאַלען אין מיין חשך איז דיין
גאנצער בליץ...

אין אומעט פון מיין לעבען האָט א ליכט מיר אויפגעשטראַלט.
אריינגעדרונגען האָט דיין אויג דורך יעדען לאָדען־שפּאַלט
און דאַן, געדענק איך, האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי מיר אין טיר:
„דו האָסט גערופען, און איך קום. עס שיקט מיך גאָט צו דיר.

איך ברייננ דיר פרייד, איך ברייננ דיר טרייסט.
קום עפען מיר!
איך ברייננ מיט זיך א קינדערש הארץ, א נחת־שטראל,
א ליכטיג אויג, א גרויען לאָק, א בעכער וויין,
א טראָפּען גאַל...״

איך האָב דערהערט און פלינק די טיר איהם אויפגעמאכט.
ער האָט ניט אָפּגענארט. מיר טרייסט און פרייד געבראכט.
און אויפגעגאַנגען איז א ליכט און האָט מיר העל באלייכט
א שמייכעל הארציג, טיעף, אן אויג פון שמחה פייכט:

„שלום עליכם! שלום עליכם!!...״

אָה, צופיעל פרייד האָט אויפגעקלונגען אין מיין קול —
אזוי פיעל טרייסט מיר שענקען אויף אמאָל?!
דו האָסט מיר ניט פארגונען און מיין פרייד דערשטיקט.
אכזריות׳דיג מיר איבער׳ן קאָפּ מיין שעהנע טרייסט צעפליקט,
פארלאָשען פאר מיין אויג דעם העלען זונען־שטראהל,
מיין וויין־כוס אויסגעלעערט און אָנגעגאָסען איהם מיט גאַל —
פארגליווערט אויף מיין באַק געבליבען איז מיין פריידען־טרער,
פארקיהלט דער העלער שמייכעל: — שטילער,
לאַך ניט מעהר!...

שטעהט אויף, בויגט איין די קעפּ, פארברעכט, ווי איך,
די הענט,
און לאָזט א טרעהר ארונטער אויף דעם יאָהר־צייט־ליכט,
וואָס ברענט.
די אבל־טרעהר פארמישען זאָל זיך מיט דעם ריינעם
יאָהר־צייט פלאָם
און אייביג ציהען זאָל דאָס פייער. אייביג, אייביג, ווי דער ים!

## דער קנויל

נאָך אביסעל נאפט אין לעמפעל,
נאָך א שווארצען קנויל מיט וואָל.
און די אלטע באבע שטריקט זיך
און זי חלום'ט פון אמאָל...

וויעגט דער קנויט זיך מיט א ציטער,
הויבט דער פלאם זיך בראָנזיג־געל,
צעהלט די באביצע די אויגלעך
און די שפיעזלעך בלישטשען העל...

אויף דער וואנד דער גרויער שאָטען
וויעגט זיך רוהיג הינטער איהר,
און די שפיעזלעך — לאנגע, דינע,
זיך פארמעהרען אהן א שיעור.

ווארפט די אלטיטשקע די שפיעזלעך.
און דער שאָטען — העלפט איהר מיט.
צעהלט די אלטיטשקע די אויגלעך,
און דער שאָטען — ריהרט זיך ניט...

מיעד און מיעדער בויגט דער קאָפּ זיך,
ס'לעמפעל צאנקט און לעשט זיך אויס;
ניט פארענדיגט פאלט די ארבייט
ביי דער אלטיטשקער אין שויס...

פינסטער... בלויז די קאץ, די גרויע,
אין איהר ווינקעל ציהט זיך פויל;
שליעסט און עפענט מיעד די אויגען
און באטראכט דעם שווארצען קנויל...

# דער קמצן

האלב נאָך גיין האָט ער דאָס ליכטעל
אויסגעלאָשען:
ס'איז א שאָד, דאָס ליכטעל קאָסט איהם
דאָך א גראָשען.

ס'רעשט פון ליכטעל וועט אין לייכטער
בלייבען שטעקען:
אויף א צווייטען אווענד וועט עס
איהם נאָך קלעקען...

אין דער פינסטער... שטיל און פריעדליך
ציהט דער דרימעל.
שטערען צאנקען... און עס זילבערט
זיך דער הימעל.

לויטער פאלט דעם מאָרגענ'ס פייער
אויף די שויבען:
„דרימלער, צייט שוין דאווענען שחרית:
גאָט צו לויבען!"

רוהיג דרימעלט ער און פיהלט ניט
ווי עס פאלען
אויף די צוגעמאכטע אויגען
ראָזע שטראהלען.

האָט געקארגט: פון ליכט א שטיקעל
אפּצושפּארען.
איצטערט שלאָפט ער... און דער מאָרגען
געהט פארלארען.

# דער פרומאק

„ושונא מתנות יחיה".

ער האָט איינגעהייצט דעם אויווען
און דאָס לעמפּעל אָנגעגאָסען.
צוגעמאכט די שווערע לאָדען
און די טיהר זיך צוגעשלאָסען.

קומען וועט ביינאכט דער בעטלער
און די וואנד פון דרויסען טאפּען,
זוכען און די טיהר געפינען
און פּאמעלעך נעהמען קלאפּען:

„עפען, כ'האָב זיך קוים דערשלאָגען,
א פארמוטשעטער, א מיעדער
וואו דו וועסט אַן אָרט מיר שענקען
דאָרטען לעג איך זיך אנידער".

„ערגעץ אין א לעערען ווינקעל,
אָהן א קאָלדרע, אָהן א קישען
לאָז מיר מיינע קראנקע ביינער
זיך אביסעלע דערפרישען".

„אויף מיין קאָפּ האָט גאָט זיין קללה
און זיין צאָרן אויסגעגאָסען.
איצט האָסטו נאָך פאר דיין ברודער
טיהר און לאָדען צוגעשלאָסען?!"

אין דעם שטיבעל... שטיל און רוהיג —
דען, ווי קען א זינדער צווישען
גאָט דעם גערעכטען און זיין קרבן
זיך דערוועגען גאָר צו מישען?!

און וואָלט גאָט, דער גוטער, וועלען
שוין דעם אָרעמען באַגליקען,
וואָלט ער איהם דורך נאַכט און חשכות
דאַרפען אַזש אהערצו שיקען?...

## דער באַליידיגטער

צעאַמפּערט האָבען זיי זיך ביידע אויף דער גאַס.
דער ערשטער—הויך און רויט. דער צווייטער—קליין און בלאַס.

דער בלאַסער, פּיהלענדיג אין הארץ אז ער איז גערעכט
צום שטאַרקען האָט גערעדט, ווי ס'רעדט א האר צום קנעכט:
„איהר האָט מיר אָנגעטראָטען אויף דעם פוס, מיין הערר,
איהר טרעט ארויף מיט לאַפּעס, ווי א בער!..."

דער שטאַרקער—שטיצענדיג זיך אויף זיין שווערען פויסט,
האָט עפּעס זיך, ווי פאַר דער פרעכער גאַס געגרויסט:—
ער האָט זיך מיט א זייט צום בלייכען צוגערוקט,
און עזות'דיג אין פּנים איהם אריינגעקוקט;
מיט חוזק איהם פון קאָפּ ביז פיס אַזוי באַטראַכט
און הויך און הייזעריג זיך איבער איהם צעלאַכט...

דער שטאַרקער, האָט זיין קרבן שטעכעדיג באַטראַכט,
דעם רעכטען עלענבויגען שפּיציג אָנגעשטעלט
און שטאַרק זיך איינגעהויקערט, עפּעס, ווי פון קעלט.
און ציט'רענדיג צום גאַסען־לאָמפּ זיך צוגעשפּאַרט
און אויף די שטאַרקע קלעפּ פון שווערען פויסט געוואַרט...

דער שטאַרקער, האָט זיין קרבן שטעכערדיג באַטראַכט,
און אויף צוריק א צוויי־דריי שריט אזוי געמאַכט;
געשטאַנען מיט פאַרלעגטע הענד א קורצע צייט
און דאַן—אין בלייכען פּנים איהם אריינגעשפּייט!

דאָס בלייכע פּנים האָט צעפלאַקערט זיך פון שאַנד...
און אויפגעשפּרונגען איז זיין אויסגעדאַרטע האַנד;
די אויגען האָבען וואָלפיש איהם פון קאָפּ געברענט—
ער האָט זיך אומגעקוקט אין דאַן, זיין בליק געווענדט
צום הימעל בייז. און דורך די איינגעקלעמטע צייהן
אַרויסגעכאַרכעלט, עפּעס א פאַרשטיקט געוויין;
א חיה'דיג און אונפאַרשטענדליך ווילדען שפּרוך:
„וואָס זאָל איך טאָן? כ'בין שוואַך! א פלוך אויף דיר,
א פלוך..."

## אין אַ טראַמוויי

כ׳האָב לאַנג געוואַרט.
איצט שטעה איך אין טראַמוויי
מיט הונדערט אַנדערע צענויפגעשפאַרט
עס וויעגט זיך דער טראַמוויי
און רודערט אויף די רעלסען רוישיג־טומפּ און האַרט.

די האַרטע רימענס סקריפּען קרעכצענדיג. איך העגג
מיט הונדערט אַנדערע אין ענגשאַפט אויפגעדריקט.
די לופט די טובלע קיצעלט אין דער נאָז
און רייסט אין האַלז און ווערגט און שטיקט.

נעהויקערט זיצט פאַר מיר אַן אַלטער אויף דער באַנק;
אַן אַלטיטשקער אודאי שוין געזעגענט זיך מיט אַכציג יאָהר;
אַ קליינטשינקער מיט ווייסע קלאָטשעוואַטע האָר,
דאָס פּנים איינגעשרומפּפען, ווי אַן איינגעקאָכטע פלוים,
צוויי וואַסערדיגע אויגען, וועלכע שימערען נאָך קוים,
די ליפּ די אונטערשטע העגגט פייכט און מילציג־בלוי.
איז זיצט דער אַלטיטשקער און מעלהגרה׳ט זיך אַזוי.
אויף איינמאָל קומט אריין אַ שעהנע, יונגע, בלאָנדע פרוי.
דער אַלטער כאַפּט זיך אויף,
נעהמט מעשה־פּראַנט אַראָפּ
דעם הוט פון ווייסען קלאָטשעוואַטען קאָפּ,
פאַרנויגט זיך מיט אַ שמייכעל — האָניג־זיס.
עס הוידעט זיך דער רוישענדער טראַמוויי,
דער אַלטער פּרובירט זיך האַלטען דראָטיג אויף די פיס.
— ,,אַלטער טפש!״ —
מורמעל איך מיט שנאה שטיל אַרויס
און גיעב דעם אַלטען תּרח כלומר׳שט אונגערן אַ שטויס.

נו, זיצט זי זיך אַזוי,
די יונגע, שעהנע, בלאָנדע פרוי.
איך קוק איהר זשעדנע אָן: —
צוויי אויגען הימעל־בלוי און קלאָהר.
דער חנ׳עוודיגער קאָפּ —
אַ קנויל פון ליכטיג־בלאָנדע, שמעקעדיגע האָר.

די באַקען ראָז, דער האַלז ווי שנעע.
און ליפּען — רויזען, רויזען צוויי.
צוויי שורות מוטערפּערלדיגע ציינען.
און הענטלעך צאַרט און וויים און קליין,
און פינגערלעך — פון עלעפאַנט ביין געשניצט,
און בלאַנקענדיגע נעגעל קונציג שאַרף פאַרשפּיצט — —

דער אַלטער — שטעהט. די יונגע זיצט.
דער אַלטיטשקער: א מוסטער פאַר א מתים-באַלזאַמירער נאַר.
די יונגע פרוי: א פּראַכט-רעקלאַמע פאַר א בשמים-קראָם.
און ביידע מעלהגרה׳ן, מעלהגרה׳ן —
„גאָם״,
„גאָם״,
„גאָם״!

איז וויעג איך זיך אַזוי אָן רימען אָנגעקלאַמערט שטאַרק:
עס שמאַרצט די האַנט, עס ברעכט דער קאַרק.
איך פּרוביר פאַרקלערען זיך.
און ס׳קומט מיר אין געדאַנק א רעיון מאָדנע-ווילד: —
מיר שטעלט זיך פאַר אַזאַ מין בילד:

מיט דורות טויזענדער צוריק, און קען זיין עטוואָס מעהר,
געהאַנגען זיינען אונז׳רע זיידעס, פּונקט ווי מיר אַצינד,
נאָר זיי ז׳דאָס הענגען נים געפאַלען אַזוי שווער
ווייל זיי, געהאַנגען זיינען ערגעץ וואו אין וועלדער ווילד און פריי
איעדערער, זיין עק פאַרפלאָכטען אין א צווייג —
און נים ווי מיר צעגויפּגעשטיקט ווי עופות אין א שטייג —
געהאַנגען זיינען זיי
די קעפּ אַראָפּגעלאָזען צו דער גראָז-באַדעקטער ערד
און שמיידיג זיך „געטשוכעט״ מיט די האָרעדיגע הענט
די רויטע קלאַטשעדיגע בערד.

אַזוי ווי זיי צו הענגען איז אודאי גאָר נים שלעכט...
און דאַרווין זאָגט
און דאַרווין זאָגט:
„מיר שטאַמען פון דער מאַלפּע״.
אַז דאַרווין זאָגט — מסתם איז ער גערעכט!

# באָו-פּאָן

(אַ צױבער מעשה'לע)

# באָר־פאַן

(א צויבער מעשה׳לע)

(מייז מלכה׳ן א מתנה)

באָר־פאַן איז אַן ארימער פאסטוך געווען —
עס מוז דאָך א פאסטוך זיין אָרעם, ווי דען ?
באָר־פאַן האט בייטאָג זיך געפּאשעט די שאָף
ביינאכט זיך גערוהט און גע׳חלום׳ט אין שלאָף.

באָר־פאַן איז א פאסטוך און שעהן — א פארשוין !
דאָס לייב און דאָס פּנים זיינס — בראָנזעדיג־ברוין.
די לאָקען — העל־בלאָנד און די אויגען — העל־בלוי —
א פאסטוך וועט אייביג שוין בלייבען אזוי.

באָר־פאַן האָט געוואוינט אין א קליינעם קורין,
ניט ווייט פון א וועלדעל, ווי עמעראלד גרין,
ביים ברעג פון א טייכעלע קלאָר, ווי קריסטאָל,
מיט זון אויף דעם בארג און מיט שאָטענס אין טאָל.

* * *

אין בוזעם א פייפעל, אין הארצען א פרייד.
די סטאדע ארום איהם פאנאנדערגעשפּרייט,
זיין הונט ביי דער זייט — איז געהאָרכזאַם און טריי
דער הימעל איז הויך און דער פויגעל — איז פריי.

און דאָס וואָס דאָס הארץ האָט אין בוזעם געפיהלט,
האָט פרעהליך באָר־פאַן אויף זיין פייפעל געשפּיעלט,
און דאָס וואָס זיין פייפעל האָט הארציג דערצעהלט —
איז פרעהליך. דען וואָס האָט באָר־פאַן׳ען געפעהלט ?

דאָס העמד איז צעריסען? טאָ וואָס מאכט עס אויס!
פיעל שענער ז׳ דאָס לייב זיינס, וואָס זעהט זיך ארויס.
קיין שיך אויף די פיס ניט —איז אוך מיר א זאך!
דערפאר איז דער טראָט זיינער גרינגער א סך.

* * *

געזעסען איז איינמאָל באָר־פאן זיך אזוי:
בראָך־טאָג. און דער הימעל איז לויטער און בלוי.
איין שטערענדעל ציטערט נאָך איבער זיין קאָפּ
און שפּיעגעלט אין רונצלענדען טייכעל זיך אָפּ.

דער וואלד, — שטעהט אין ראָזעווען נעפּעל געהילט.
דער טאָל — ליגט מיט שאָטענס מיט בלויע געפילט.
די לופט ווירצט מיט שוואוימען, מיט ווארעמער ערד —
באָר־פאן טרינקט די ריחות בארוישט און ער קלערט.

באָר־פאן טרינקט פאר׳שכור׳ט די ריחות און טראכט: —
איהם האָט זיך גע׳חלום׳ט א חלום ביינאכט,
דער טרוים האט א פרייד איהם א נייע געבראכט —
ער האָט מיט א תפלה די אויגען פארמאכט:

זאָל נאָך אמאָל קומען דער חלום. ער וואַרט!
עס ציטערט דאָס הארץ, די נשמה זי גארט...
פון וואלד זאָל זי נאָך אמאָל קומען צוגהען,
די שעהנע, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן.

באָר־פאן זיצט מיט אויגען געשלאסען און זעהט: —
זיין חלום־פּרינצעסין א רוהיגע געהט.
זי שפּאנט. און פון אונטער דער קרוין אויף איהר קאָפּ
צעשאָטענע כוואליען די לאָקען אראָפּ,

אויף רויזיגע מיידעלשע ברוסטען אויף צוויי,
אויף שולטערן ווייס, ווי געפאלענער שנעע —
און ליפּען — רובינען און אויגען — סאפיר
און ציינער, ווי פּערעל אויף זיידענע שניר...

באָר־פאַן טראָגט דאָס פייפעל צום מויל צו און שפּיעלט —
זיין האַרץ איז מיט וואונדער און פרייד איבערפילט.
ער שפּיעלט און ער שפּיעלט און ער שפּיעלט און ער הערט:
„באָר־פאַן, האָ, מיין האַרץ ווערט פון גלוסטען פאַרצעהרט!"

„באָר־פאַן, האָסט געבענקט אין דיין חלום נאָך מיר.
דו האָסט מיך גערופען. איך קום איצט צו דיר!
מיין קרוין איז פון גאָלד און דימאַנטען גראַווירט.
מיין קלייד איז פון זייד־צייג מיט פּערל באַצירט."

„מיין פאָטער, ער וואוינט אין א פּאַלאַץ פון גאָלד.
מיין פאָטער, דער קעניג, האט שטערבליך מיר האָלד!
צעהן פעסער מיט רענדלעך מיין קלייד קאָסט איהם אָפּ,
און צעהן מאָל אַזויפיעל די קרוין אויף מיין קאָפּ".

„מיין פאָטער, דער קעניג, פיעל אוצרות פאַרמאָגט!"
באָר־פאַן הערט אויף שפּיעלען. ער פּלאָטערט און פרעגט:
„איך האָב וועגען רענדלעך אמאָל שוין געהערט,
דאָך ווייס איך ניט וויפיעל א רענדעל איז ווערט?"

די שענע פאַרנויגט זיך, פאַרנויגט זיך און לאַכט:
„איך האָב דיר, מיין שענער, אן אוצר געבראַכט!"

באָר־פאַן עפענט אויף זיינע אויגען און פרעגט:
„מיין שענע פּרינצעסין אן אוצר פאַרמעגט? —
איך האָב פון אן אוצר אמאָל שוין געהערט,
דאָך, ווייס איך ניט, וואָס האָט אן אוצר די ווערט?!"

עס לאַכט די פּרינצעסין קאָקעטיש און ווינקט,
זי דריקט איהם צום האַרצען און קושט איהם און זינגט:
„באָר־פאַן, מיין געליעבטער, דיין רייכטום באַווייז!
האָסט מאַנדלען, האָסט האָניג, האָסט פייגען, האָסט רייז?"

„האָסט קעלערס מיט וויין, האָסט א גאָלדענעם כוס?
האָסט פערד, האָסט קאַליאַסען, האָסט דינער אין שלאָס?"

באָר־פאַן לאָזט די אויגען אַרונטער פארשעהמט,
ער בויגט אַן דעם קאָפּ און ער ענטפערט געקלעמט:
„איך האָב ניט קיין מאַנדלען, קיין טייטלען, קיין רייז,
כ'האָב ברויט, איך האָב קרויט און אָט דאָס איז מיין שפּייז".

„דער טייך איז מיין וויין־פאַס, די זשמעניע — מיין כוס.
און איך בין דיין דינער — מיין צעלט, איז דיין שלאָס!"

עס פרעהט זיך די שענע און פלאַפּעלט און רעדט.
זי לאַשצעט דעם פּאַסטוך פארפיהר'יש און בעט:
„קום פיהר מיך, מיין ליעבער, אין פּאַלאַץ אַריין
און שפּיעל מיר און וויעג מיר און ליולע מיר איין".

באָר־פאַן פיהרט די שענע אין „פּאַלאַץ" אַריין
און שפּיעלט איהר און וויעגט איהר און שלעפערט איהר איין.

עס שלאָפט די פּרינצעסין, באָר פאַן זיצט און וואַכט.
ער קוקט אויף דער גאָלדענער קרוין און ער טראַכט;
ער קוקט אויף דער קרוין מיט דימאַנטען און קלערט:
„די קרוין האָט פיעל פעסער מיט רענדלעך די ווערט!"

„ווען איך זאָל פארקויפען די גאָלדענע קרוין,
די קרוין מיט דימאַנטען — געקויפט וואָלט איך שוין
דער שענער א בעבער, דריי פעסער מיט וויין.
כדי מיין פּרינצעסין זאָל גליקליכער זיין!

אַריבער דער שענער באָר־פאַן בויגט זיך איין: —
„איך וויל דאָך, אַז דו זאָלסט א גליקליכע זיין."
ער צערטעלט און קושט איהר די לאָקען פון קאָפּ
און נעמט שטיל די גאָלדענע קרוין איהר אַראָפּ.

פארטאָג כאַפּט זיך אויף די פּרינצעסין און פרעגט:
„באָר־פאַן, זאָג, וואו האָסטו מיין קרוין מיר געלעגט?
איז דאָס גאָר דיין ליעבע, איז דאָס גאָר מיין לוין? —
האָ, פּאָטער, האָ, קעניג! — מיין קרוין אָה, מיין קרוין!"

באָו־פּאַן לאָזט אַרונטער די אויגן פאַרשעהמט,
און ענטפערט דער שענער אין טרויער געקלעמט:
„איך האָב פון דיין קרוין הונדערט רענדלעך געמאַכט,
און האָב פאַר די רענדלעך, דיר ליעבסטע, געבראַכט —"

„א בעכער פון גאָלד, זיבען פעסער מיט ווייז,
כדי מיין פּרינצעסין זאָל גליקליכער זיין."

„דעם וויין וואָס איך האָב דיר, מיין ליעבסטע, געבראַכט,
איז קלאָר ווי דער מאָרגען, און קיהל ווי די נאַכט."
באָו־פּאַן פילט דעם גאָלדענעם בעכער מיט וויין: —
„פּרינצעסין וועט טרינקען און פרעהליכער זיין..."

עס פּערעלט אין בעכער דער וויין און ער זיעדט,
עס טרינקט די פּרינצעסין און וויספּערט איהם מיעד:
„מיין ליעבער, מיין טרייער, דערפיל מיר מיין כוס —
באָו־פּאַן איז מיין קעניג, זיין צעלט איז מיין שלאָס!"

„מיין קעניג וועט הייסען באלד ברענגען מיר שפּייז;
וועט ברענגען מיר האָניג און מאנדלען און רייז!"
באָו־פּאַן ברענגט צוטראָגען זיין קלייענדיג ברויט,
און ערדענע כלי מיט זויערער קרויט — — —

„באָו־פּאַן, האָ, דיין ברויט איז מיט קלייען און זאַלץ!
דיין קרויט איז געזויערט און רייסט מיר אין האלז!
אָ, לעג מיך צוריק אין מיין בעטעל אריין,
און וויעג מיר, און וויעג מיר, און שלעפער מיר איין!"

באָו־פּאַן נעמט די בלייכע פּרינצעסין ארום
און צערטעלט זי הארציג און צערטעלט זי שטום.
און טוליעט און ליולעט און שלעפערט זי איין: —
„מיין שענע זאָל רוהען און גליקליך מיר זיין."

עס שלאָפט די פּרינצעסין. באָר־פאָן זיצט און קלערט:
„איהר קלייד האָט צעהן פעסער מיט רענדלעך די ווערט.
דאָס קלייד איז פון זייד מיט פּערעל באַצירט —
ווען איך וואָלט צום רייכען אין שטאָדט דאָס געפירט?—"

באָר־פאָן בויגט זיך איבער דער שלאָפענדער איין: —
„איך וויל דאָך, אז דו זאָלסט א גליקליכע זיין!"
באָר־פאָן קושט די שענע און ציהט שטילערהייד
ארונטער פון לייב איהר דאָס זיידענע קלייד.

עס שטעהט אויף די שענע פון דרימעל דערפרישט,
און עפענט די אויגען און בלינצעלט צעמישט!
זי קוקט אויף דעם פאסטוך און וויינט שטילערהייד:
„וואָס האָסטו געטאָן מיט מיין זיידענעם קלייד?!"

באָר־פאָן לאָזט פון בושה די אויגען אראָפּ,
באָר־פאָן לאָזט אין אומעט ארונטער דעם קאָפּ
און ענטפערט דער שענער צעשראָקען און שטיל:
„פארקויפט... און געבראכט גוטע זאכען דיר פיעל."

„איך האָב פאר די רענדלעך דיר איינגעקויפט שפּייז!
כ'האָב האָניג, און טייטלען, און מאנדלען, און רייז,
כ'האָב טרויבען, און פייגען, און מילגרוימען זיס,
כ'האָב פרישע מאראנצען און אלערליי ניס!"

עס וויינט די פּרינצעסין און יאָמערט און קלאָגט: —
„פארשווענדעט מיינע אוצרות, וואָס איך האָב פארמאָגט!
דו ליעבסט מיך און ליעבסט מיך און טוסט מיר אָן לייד —
באָר־פאָן, אָה, מיין ליעבער — מיין קרוין הא, מיין קלייד!"

באָר־פאָן שטעהט און ציטערט: — „מיין אוצר, מיין פרייד!
דיין לייב איז פיעל שענער פון זיידענעם קלייד!
דיין קאָפּ, אָהן דער קרוין, איז נאָך שענער א סך! —
וויש אויס דיינע אויגען און פרעה זיך און לאך..."

* * *

א גאָלדענער קאָפּ אויף צוויי מאַרמאָרנע הענט,
צוויי טרערענדע אויגען צום הימעל געווענדט.

עס ווײנט די פּרינצעסין. א טרער — א בריליאַנט! —
באָר־פּאַן, א דערפרעהטער, שטעלט אונטער זיין האַנט:
„בריליאַנטען, בריליאַנטען, בריליאַנטען אהן שיעור!
כ׳וועל בויען א פּאַלאַץ, א גאָלדענעם דיר!"

איך קויף דיר א קרוין און — פון דימאַנטען בלויז!
איעדוועדער דימאַנט — א שטערען די גרויס.
און זיידענע קליידער. און צירונג א סך!
א גאָלדענעם טראָן מיט א פּערעלנעם דאַך!

„און זיין וועט דיין פּאַלאַץ פון גאָלד און קריסטאָל,
מיט מאַרמאָרנע טרעפּ ביז אַרונטער אין טאָל.
און איבערן באַרג וועט זיך ציהען אָהן סוף,
ווי וואָלקען פון זילבער מיין טשערעדע שאָף."

„פון צעדער־האָלץ זיין וועט מיין פּייפעל געשניצט,
מיט רינגען פון זילבער און גינגאָלד באַפּוצט."

* * *

באָר־פּאַן לעגט דאָס פּייפעל צום מויל צו און שפּיעלט: —
עס מינעט דער שלאָס זיך אין שטראַלען געהילט,

עס גלימצערן שווערדען, עס שימערען קנעפּ,
עס בליסטשענען קיווערס אויף הונדערט קעפּ:
א וואַך נעמט דעם גאָלדענעם פּאַלאַץ אַרום;
א וואַך היט זיין שענע אין עהרענפורכט שטום.

און הויך אויף א גאַניק, די לאָקען באַקראַנצט
מיט מירטען און רויזען, זיין קעניגען טאַנצט: —
„באָר־פּאַן, האָ, באָר־פּאַן, האָסט גע׳חלומ׳ט פון מיר? —
מיין קעניג, דאָס האַרץ מיינס עס חלש׳ט נאָך דיר!"

# דאָס שטומע קעניגרייך

(אלעגאריע)

# דאָס שטומע קעניגרייך

(א מאנוסקריפּט הונדערט יאָהר אלט געפונען אין 2020)

א באשרייבונג, וואו עס ווערט באשריבען א לאנד, וואָס רופט זיך פריק־לאנד. — איהרע איינוואוינער, מנהגים, דינים. — דער קלוגער קעניג סאנט בורזשוי. — דער ערשטער רעבעל. — סאנט בורזשוי׳ס ערשטער משפּט. — דער אויפשטאנד און די אונטערדריקונג. — דער גזר וועגען צונג־באשניידונג. — זינדיגע אויגען און די רפואה צו זיי. — בלינדע, וועלכע זעהען מעהר, ווי זעהענדיגע. — קליינע קינדער, וואָס לעבען אין הייהלען פארבארגען. — וואנד׳רער, וועלכע ווערען פארפירט דורך דעם געזאנג פון די הייהל־קינדער און וואָס זייער סוף ווערט. — לעגענדען, אבערגלויבענס, א. א. וו.

---

מיילען טויזענדע פון דאַנען
איז א בליהענד לאַנד פאַראַנען
הערשט אַ קעניג דאָרט א סלוגער
איבער טרייע אונטערטאַנען.

פריק־לאַנד רופט זיך די מדינה.
און די תושבים — הויכע, דינע
לויפען שטענדיג אום און שמייען
און כסדר, נאָר זיי קייען,
רק זיי קייען.
(ס׳מוז אודאי זיין א מאכל,
וואָס איז שווערלעך צו פאַרדייען
און ניט גרינג אַרויסצושפּייען...)

* * *

וואונדער שעהן איז פריק־לאנד.
אונטער זוניגע הימלען
גרינע בערג און טאָלען דרימלען,
קלאָהרע וואסער קוואלען פליסען,
טייכען — זילבער־בלוי זיך גיסען
צווישען זאמד־געזוימטע ברעגען.
ימים ברייטע זיך באוועגען,
רוהיג פירענדיג די וואלען.
און אריבער זיי׳רע טיעפען
שווימען ווייסע זעגעל־שיפען
ציהען שווערע ריעזען־דאמפפער,
לאָזענדיג נאָך זיך אין וואסער
גרינליך־ווייסע פערעל־וועגען,
וועלכע פירען צו די ווייטע,
צו די ווייטסטע ווייטע ברעגען.

* * *

ימים, טייכען, מינעראלען
אויל און נאפט — צעהן טויזענד קוואלען.
פעטע סטאדעס שאָף און רינדער
איבער לאָנקעס גרין־געשפרייטע,
איבער בערג און איבער טאָלען
פירען וועגען לאנגע, ברייטע.
און אויף שטאָל־געשמידטע רעדער
פאָרען פורען שווער געלאָדען:
שלעפען תבואה פון די פעלדער,
פירען פירות פון די סעדער.

* * *

אל־דאָס גוטס אין לאנד פאראנען.
הערשט דער גוטער קלוגער קעניג —
הערשט מיט יושר און מיט חכמה —
איבער זיינע אונטערטאנען.

און אזוי זינגט דורות פיעלע
לעבט דאָס פרומע פאָלק דאָס שטילע;
פאָלגט די דינים, היט די זיטען —
קיין זאַך ווערט ניט אומגעביטען:
האָט מען נאָר א דין פארשריבען
איז דער דין שוין דין געבליבען!

*      *      *

שאַפט זיך יעדעס פאָלק געזעצען,
אז דער פרומער — זאָל זיי היטען
און דער זינדיגער — פארלעצען.

דאָך, פאראנען דינים, זיטען,
וואָס א זיטליך פאָלק, א גלויביגס
איז מ ח ו י ב אָפּצוהיטען.

טראָגען די כינעזער — צעפּ.
די אינדוסען אויף די קעפּ —
טורבאנען.

היילינג איז ביים מוסולמאן —
מאהאמעד און זיין קאָראן
און — דער הארעם

און דער קריסט מיט ליעבע היט,
היט זיין צלם. און דער איד —
די מילה.

און די פּריקען שניידען אוים,
העט פון סאמע שלונג ארוים
די צונגען.

ווער עס וויל דעם דין ניט היטען,
שניידט דעם צונג ניט, — יענעם ווערען
זיינע יאָהרען אָפּגעשניטען!

נאָר אזוי ווי אלע זיטען,
אלע דינים און מנהגים,
וואָס א זיטליך פאָלק מוז היטען

האָבען זייער טעם און זינען —
נעהם איך איצט פאר אייך דעם פּאָדים
פון דעם פאָלק'ס געשיכטע שפּינען.

* * *

לאנג צוריק מיט דורות פיעלע
איז דאָס פרומע פאָלק דאָס שטילע
דורך א לאנגער קייט מיט יאָהרען
גוט און קלוג רעגירט געוואָרען
פון א קלוגען גוטען קעניג.

סאַנט בורזשוי האָט ער געהייסען.
בלויז געציילטע מענשען ווייסען —
די, וואָס קענען ביכער לעזען —
ווער און וואָס ער איז געוועזען.

גוט און קלוג איז אונזער קעניג.
און געהאָרכזאם אונטערטעניג
זייגען איהם די אונטערטאַנען.
סאַנט בורזשוי האָט גוט פארשטאַנען,

אז מען קען א פאָלק מיט גוטען
מעהר פאריאָכען, ווי מיט קנוטען.
אז מען קען א לאנד פארשקלאַפען
ניט מיט תפיסות, ניט מיט וואפען
נאָר מיט שכל, בלויז מיט חכמה...

* * *

ליעב געהאט זיך אויסצופיינען
האָט בורזשוי, און פלעגט ערשיינען

פאר זיין פאָלק גאָר אָהן באַגלייטער;
איינאַליין און אָהן טרומפּייטער,
אָהן א קרוין און אָהן א סצעפּטער.

און עניוות'דיג באַשיידען
מיט איעדענאיינעם ריידען.
פלעגט אפילו זיך ניט שעהמען
קינדער אויף די פּלייצעס נעהמען
און זיי פּיעשטשען און זיי גלעטען
און צו זיך אין געסט זיי בעטען.

נאָר דערפאַר אז ס'איז געקומען,
ווען ער האָט פון גוטען, פרומען
פאָלק געדאַרפט די צינזען מאָנען
פלעגט ער זיך פאַר איהם באַווייזען
מיט טרומפּייטען, פּויקען, פאָהנען.

דען בורזשוי האָט גוט פאַרשטאַנען
אז פאַר פאָהנען, באַראַבאַנען
ווערען פרומע אונטערטאַנען
שטאַרק נתפּעל און מבולבל...

און דאָס פאָלק, מיט פריידען־טרערען
אין די אויגען, האָט גע'יובלט
און געצאָלט די צינזען גערן.

* * *

גוט און קלוג האָט ער געקעניגט
און דאָס פאָלק האָט איהם פאַרהייליגט
און איהם קיינמאָל ווידערשפּעניגט.

דאָך, אויב ס'האָט אמאָל געטראָפען
עמעץ איז א זינד באַגאַנגען
פלעגט דער גוטער סאַנט בורזשוי איהם
בלויז מיט רייד, מיט גוטע שטראָפען.

ניט מיט בייזען, ניט מיט הארטען.
מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען
שטיל איהם שטראָפען, ווי אַ טאַטע
אַ בן יחיד אַ פאַרשאַרטען...

שטיל, פאַרשעהמט, דעם קאָפּ געבויגען
פלעגט דער הוטא נעבאָך שטעהען
און זיך ווישען מיט דעם אַרבעל
די פאַרוויינטע, נאַסע אויגען.

מיט חרטה און מיט טרערען
אויסגעוואַשען די עברות
פון דער זינדיגער נשמה —
פלעגט ער אַ בעל־תשובה ווערען.

סאַנט בורזשוי האָט גוט פאַרשטאַנען,
ווי אַזוי מען קען מיט ווערטער
מאַכען ווייך די האַרטע הערצער
פון פאַרשייטע אונטערטאַנען.

*   *   *

זינד איז אָבער, דאַרפט איהר וויסען,
אַ געוויקס, וואָס וואַקסט אָהן רעגען
און מען דאַרף דאָס ניט באַגיסען.

ס'וואַקסט אין זון־שיין, ס'וואַקסט אין שאָטען
בּלהט אויף ישוב, גרינט אין מדבר
און ס'איז גאָרניט אויסצוראָטען!

מיט דעם מינדסטען זאָמען־קערען
קענען וועלטען זיך באַרוישען
און אין שכרות חרוב ווערען.

קלוג האָט אָפּגעהיט דער קעניג,
אַז די אונטערטאַנען זיינע
זאָלען בלייבען אונטערטעניג.

„אין הכנעה — ליגט הצלחה!"
האָט בורזשוי דעם פאָלק געפּרעדיגט.
„און געדולד, — איז מזל־ברכה!"

לאַנג געהיט און — ס'האָט געטראָפן...
איינמאָל נאָך א זאַטען מיטאָג
האָט בורזשוי געלעגט זיך שלאָפן.

מיט אַמאָל — א רעש אין דרויסען!
און ארום זיין שלאָס, ביים טויער,
מענשען־כוואַליעס בייז זיך שטויסען.

קעפּ און פויסטען, ווי די זאַנגען
אין א שטורעם ווינד געפאַנגען,
וויעגען זיך פאַר זיינע אויגען.
לעבען פענצטער שטום, געבויגען
שטעהט דער קעניג און קוקט —

„לאַנג זאָל לעבען אונזער קעניג!"
„טויט צום שונא, דעם פאַררעטער!"
„הונדערט מיתות איז איהם ווענִיג! — "

„וועה און ווינד צו אונז'רע יאָהרען!"
גרילצט א קוויטשעדיגע שטימע
און פאַרגעהט זיך אַזש פאַר צאָרן:

„אין דיין פריעדליכען גן־עדן,
אין דיין גליקליך לאַנד אַ, קעניג!
איז די שלאַנג פון זינד געקומען
אונז צו בייזען אַנצוריידען."

„און זי האָט זיך איינגענעסטעט
אין דעם הארצען פון א זינדער
און פאַר'סמ'ט איהם זיינע בלוטען
און די צונג אין מויל פאַרפּעסטעט."

„און מיט גיפט, מיט טויזענד ליגען
האָט ער גאָט און דיך געלעסטערט;
דיינע הייליגסטע געזעצען
אויסגעלאַכט, מיט גאַל באַשפּיגען!...״

„האָסט דיין לאַנד — זאָגט ער — באַריסען,
אַלע רייכטימער פאַרשוועגדעט;
האָסט ביים פאָלק אַוועקגענומען
פון זיין מויל דעם לעצטען ביסען.״

„מיט אַ שמייכעל, מיט אַ זיסען,
אויף די קעציש־פאַלשע ליפּען
איינגעשלעפּערט איהם דאָס האַרץ זיינס
און פאַר׳שכור׳ט זיין געוויסען...״

„וועה און ווינד צו אונז׳רע יאָהרען!—״
גרילצט די קווטשעדיגע שטימע
און צעוויינט זיך אַזש פאַר צאָרן — — — —

— — — — — — — — — — — —

און דער קעניג האָט באַפוילען:
„שניידט איהם אויס די צונג פון גאָרגעל
און דאָס מויל, פון זינד פאַרפּעסטעט —
כשר׳ט אויס מיט הייסע קויהלען...

„אין געזעץ־בוך איינגעשריבען
זאָל דער משפט מיינער ווערען.״
און אַזוי איז יענער משפט
אַ געזעץ ביז היינט פאַרבליבען.

*　　*　　*

זינד איז אָבער, דאַרפט איהר וויסען,
אַ געוויקס, וואָס וואַקסט אָהן רעגען
און מען דאַרף דאָס ניט באַגיסען.

דאכט זיך נאָר־וואָס, ערשט צעטראָטען
  און עס שפּראָצט און בליהט שוין ווידער,
און נאָך מעהר ווי פריה׳ר געראָטען.

אויף דעם מארק־פּלאַץ, אין די גאַסען
  שטעהען שוין ווידער יונגע היץ־קעפּ
און פאַר׳שכור׳ען די מאַסען.

* * *

פון זיין פענסטער בלייך, צעשראָקען
  קוקט דער קעניג, און זיין שטערן
קנייטשט זיך הינטער זיינע לאָקען;

קוקט און פּרובירט זיך מוטיג האַלטען.
  און די אויפגעוועקטע שרעקען
  מיט געמאַכטען שטאָלץ פאַרדעקען
און אין הארצען טיעף באַהאַלטען...

„זאָל מיין מוט זיין — שטאָל און אייזען!
  און מיין שטאָלץ — אַ פעלזען־טורעם.
  און מיין האַנט, מיין שווערד, מיין ווילען—
שמשון־גבורה זאָל באַווייזען!״

ווי דער שטויב אין רעגען פאַלען
  זאָלען מיינע בייזע שונאים —
  העי, דאָרט, הייסט די פּויקען שלאָגען,
הייסט די שופרות הילכיג שאַלען!״

* * *

פּויקען שלאָגען, שופרות שאַלען,
  טויזענד בלאַנקע שפּיעזען בליצען;
גליהען אין די זונען־שטראַלען.

טויזענד שטאָלצע רייטער רייטען
צו פאַרטיליגען דעם שטן,
און די זינד אין פאָלק באַשטרייטען — —

— — — — — — — — — — — —

שוועבט די זון און זינקט אַרונטער.
און די קיווערס ברענען גלוטיג,
און די שפּיזען פלאַמען צונטער...

שאַלען שופרות: — „ס'איז געלונגען!” —
אויף די בלוט־געפאַרבטע שפּיזען
צאַפּלען פריש זיך טויזענד צונגען:

ס'האָט דער קעניג שטרענג באַפוילען —
„שנייד ביי אַלע אויס די צונגען
און די זינד פאַר'סם'טע מיילער —
כשר'ט אויס מיט רויטע קויהלען!”

„און מיין פאָלק זאָל הייליג היטען: —
יעדער קינד, וואָס ווערט געבוירען,
ווערען זאָל ביי דעם דאָס צינגעל
מיט די וואָרצלען אויסגעשניטען!”

און געוואָרען איינגעשריבען
איז דער משפט פון דעם קעניג
אין געזעץ־בוך און עד היום
אַ געזעץ אין לאַנד פאַרבליבען.

* * *

ביינאַכט האָבען שטורמישע ווינטען געוועהעט.
די בוימער אין גאַס האָבען רוישיג געליאַרעמט
און הינט האָבען לאַנג מיט געיאָמער געוואָיעט
און העגער מיט הילכיגע קולות געקרעהעט.

דער קעניג איז יענע נאכט לאנג ניט געשלאָפען:
געזעסען ביי זיך אויף זיין ווייכען געלעגער
די אָרעמס אריבער די קניען געפלאָכטען
און אויגען, — ווי ביי א דערטרונקענעם אָפען!

און איבער איהם האָבען זיך פלאַמען געצויגען,
פון הונדערטע ליכט אין קרישטאָלע לייכטער,
און איבער די רעהרען, ווי בלוטענדע צונגען
זיך צאפלענדיג רויטע ארונטערגעבויגען...

פארטאָג האָבען פויקען אין פאלאץ געשלאָגען
דער קעניג, א בלייכער איז רוהיג ערשינען
און ווידער באפוילען:—„דאָס פאָלק מיינס זאָל מעהרער
קיין קליידער קיין רויטע ניט טראָגען!"

„ניט עסען קיין יאגדעס, קיין רויטע מאראנצען,
קיין רויטע משקאות שוין מעהרער ניט טרינקען,
קיין בלומען קיין רויטע אין לאץ שוין ניט טראָגען,
קיין רויזען קיין רויטע אין גאָרטען ניט פלאנצען!"

דעם קעניג'ס באפעהל איז געווארען פארשריבען
און איז ביי די פריקען פארהייליגט געוואָרען,
און איז ביי די פריקען פארהייליגט געבליבען.

* * *

אָבער זינד — ווייסט יעדער איינער,
האָט א טבע איינצועסען
זיך אין זינדער'ס הויט און ביינער

און זיך דרימלען טעג און יאָהרען
ביז עס הויבט זיך אָן צו דאכטען: —
„אוים, פארלאָשען שוין געוואָרען!"

פלוצים, און עס גליהט שוין ווידער;
פלאַקערט אויף אין בלוט אין טרפ'ען
און פאר'סם'ט איהם אלע גלידער.

נאָר באַמערקען קען מען אימער
אין דעם אויג די ערשטע צייכענס: —
פּלוצים טוט דאָס אויג אַ שימער,

צינדט זיך אָן און הויבט אָן פלאַמען
און פאַרכאַפּט מען ניט באַצייטענס
קען דאָס אויג אַ וועלט פאַר'סם'ען...

און אַ־דער, וואָס מערקט דאָס פייער
אין דעם זינדער'ס אויג צום ערשטען —
אויב איהם איז דער קעניג טייער —

וועט ער פייל־פון־בויגען לויפען
צו דעם ערשטען שטריקען־מאַכער
און אַ שטריק, אַ לאַנגען, קויפען.

'ן אויב ער וועט דעם שופט ניט הענגען —
וועט ער פאַר די פיס איהם פענטען
און גאַס־איין גאַס־אויס איהם שלעפּען
און צום גוטען קעניג ברענגען.

און דער קעניג דאַרף ניט קלערען:
„לעגט אַ שאַרפען שפּיעז אין פייער,
שטעכט איהם אויס דאָס אויג דאָס בייזע
און ער וועט גענעזען ווערען...”

טאָמער ז'אָבער שוין פאַרקראָכען
איהם די זינד אין אויג אין צווייטען —
לעגט מען נאָך אַ שפּיעז אין פייער,
ווערט דאָס צווייטע אויסגעשטאָכען

און אַ פרעמדער גאַפט צו זעהען,
אויף די מאַרקען אין די גאַסען,
גאַנצע מחנות בלינדע שטעהען

איבער שטעקענס אָנגעבויגען — —
מאנכע גלויבען, אז די בלינדע
זעהען מיט די אויגען־לעבער
מעהר פון די, וואָס האָבען אויגען.

מאנכע גלויבען: — יעדער בלינדער
ניט נאָר זעהט, ער קען אויך רעדען.
נאָר פארשטעהן זיין וואונדער־לשון
זענען בלויז מסוגל — קינדער.

אנד'רע זאָגען, אז זיי האלטען
ערגעץ אין געדיכטע וועלדער,
צווישען פעלזען־בערג אין היילען,
קינדער קליינינקע באהאלטען.

און די קינדער קענען ריידען,
און די קינדער קענען זינגען,
קענען זינגען, ווי די פייגעל,
ווי די פייגעל פון גן עדן...

און ניט איינמאָל האָט פאסירט שוין,
אז דאָס זינגען פון די קינדער
האָט אין וועלדער אין געדיכטע
מיעדע וואַנדערער פארפירט שוין.

ס'הערט דער וואָגלער פּלוצלים לידער,
כשוף'דיגע מעלאָדיען,
וואָס צעגיסען זיך, ווי האָניג
אין דעם מיעדענ'ס אלע גליעדער.

און די לידער — פלעכטען, שפּינען
זיך ארום זיין הארץ און ציהען...
ס'לויפט דער וואנד'רער נאָך די שטימען
זוכט און קען זיי ניט געפינען.

און מיט אויגען גרויס און אָפען
קעהרט אהיים זיך אום דער וואָגלער.
נאָר ער קען שוין מעהר ניט רוהען,
קען ניט עסען, קען ניט שלאָפען;

הויבט אָן צאנקען, וועלקען, דארבען.
און מיט עפּעס א געהיימען
שטילען פייער אין די אויגען
א פארבענקטער מוז ער שטארבען...

און פארבען מאנכע ווידער,
וועלכע גלויבען, אז די קינדער
וועלען פלוצלים צו זיי קומען
און מיט זיי'רע צויבער ליעדער

יעדענ'ס הארץ און זעל באצווינגען
און א יעדער מויל וועט רעדען,
און איעדער אויג וועט שטראַלען,
און איעדער הארץ וועט זינגען
וואונדערליכע ליעדער...

* * *

ביז דער וואונדער־טאָג וועט קומען
וועט ניט איין זון אונטערגעהן.
ביז דאָס כשוף־ליעד וועט שאַלען
וועט דער האָהן ניט איינמאָל קרעהען;

וועט דער האָהן ניט איינמאָל וועקען.
ביז די נאכט וועט נעהמען בלייכען,—
וועלען הונדערט שטערען פאַלען
און דעם וואכען איבערשרעקען...

ביז דער נייער טאג וועט ברעכען
אין די נאכט־פארהילטע הימלען —
וועט דער וואכער, מיעד פון וואכען,
אויף זיין קישען נעהמען דרימלען,

און דאָס מיעדע אויג פאַרמאַכען
ביז די זון וועט אויף דעם מזרח
איהרע ראָזע פאַקלען צינדען,
וועט אַ־אַנדערער ערוואַכען;
אויסגערוהט פון שלאָף ערוואַכען...

## אינהאלט

זייט

## 1. — גרויע שעה׳ען


ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען — 13
געהט מיין לעבען ווי א וואסער — 14
א פארלוירענער טאג — 15
דו ביזט שולדיג — 16
דער הימעל איז כמארנע — 17
און זאל די זון פארגעהן — 18
וואס זאל איך טאן ? ! — 19
ווי גוט איז מיר צו זיין אליין — 20
ווי גוט איז מיר, וואס איך פארשטעה — 21
שטארקער קלאפט דער רעגען — 22
א, גאט מיין הארר ! — 23
די לעצטע סעודה — 24-5
אומעטיג איז מיר — 26
האסט אויסגעפיהרט — 27
מאך צו דיין בוך — 28
דו לעבסט ביי מיר אין דמיון בלויז — 29
די ערוואכונג — 30-1
צו דער נאכט — 32
דער לעצטער רוף — 33
מאך זיך הארץ — 34
און אט אזוי... — 35
דער פארהאנג — 36
דער ניט געבעטענער — 37
איהר מיינט קיין בייז — 38
מיינע געפיהלען — 39
איך עקשן זיך איין — 40
א שטערען — 41
איך וואלט געוואלט דו זאלסט מיין שוועסטער זיין — 42
די נסיעה — 43-4
רוהיג טפש... — 45

## 2. — ווייסע וואָלקען־פּליטער

איהר דאַרפט ליכט און לאָמפּען צינדען — — — — — — — 49
שטראַהלען — — — — — — — — — — — — — 50
איין שעה — — — — — — — — — — — — — — 51
יונגע הערצער — — — — — — — — — — — 52-3
רעגען מיעדקייט — — — — — — — — — — — 54-5
אין די בערג — — — — — — — — — — — — 56
דאָס פאַרבאָרגענע — — — — — — — — — — 57
דער שטומער סוד — — — — — — — — — — — 58
אַ פישער ליעד — — — — — — — — — — 59-60
אין שענק — — — — — — — — — — — — — 61-2
וואָלט איך איצט זיין אינגער מיט צוויי צעהנדליג יאהרען 63-4
פאַרהאַז קלוגע פּרויען — — — — — — — — — — 65
אַ שמעטערלינג... — — — — — — — — — — 66
ליעבעס־נעצען — — — — — — — — — — — — 67
אין אַ ווייסער ווינטער נאַכט — — — — — — — 68-9
זילבער־שטויב — — — — — — — — — — — — 70
עס רופט די מיטען נאַכט — — — — — — — — 71-2
די ערשטע שוואַלב — — — — — — — — — — — 73
דער „האַבאַ" — — — — — — — — — — — — — 74

## 3. — ליעדער פון צער

די מאַם — — — — — — — — — — — — — 77-8
מיין ערלייזער וואו ביזטו ? ! — — — — — — — 79-80
האַ, גאָט, דו שפּרייטסט דיין הימעל אויס — — — — 81
נעהם צו פון איבער מיר די שווערד — — — — — — 82
אַ, גאָט מיין האַרר, איך קען ניט מעהר ! — — — — 83
איך וויל זעהן דעם אַפּגרונד ! — — — — — — — — 84
צו ווילסטו גאָט ? ! — — — — — — — — — — — 85
איך עפען אויף פאַר דיר מיין האַרץ — — — — — — 86

אין מיטען נאכט האסטו מיך אויפגעוועקט — 87
יזכור — 88
איכה — 89-90
איך בין דער גאט! — 91
פון עבר — 92
אומזיסט — 93
האסט באפוילען — 94

## 4. — אונטער צוויי זונען

דער בופעלאקס — 97-8
די פאפוגיי — 99-100
דער טיגער — 101
קעניג לעא — 102-3
דער קעמעל — 104-5
די מאלפע — 106-7
דער עלעפאנט — 108-9
דער הירש — 110
דער אדלער — 111

## 5. — ליעדער פון קאמפף און האפנונג

פאסטוך, פאסטוך, בלאז דיין הארן! — 115-16
א ווארנונג — 117
מיר שמיעדען דעם פרייהייטס פארבאנד — 118-19
פילגרים ליעד — 120
פיאנערען — 121-22
דער יוגענד-מארש — 123
צו דיינע פים ירושלים — 124-25
צעשראקענקייט — 126-27
דער בעל תשובה — 128-29
די גוטע שעה — 130
דער קוואל — 131-32

## 6. — דער רויטער שראם

דער רויטער תהום — 135-37
פון א בריעף — 138-39
דער ערשטער שנעע — 140-41
א שלאף-ליעד — 142-43
דאס נייע קלאנג-ליעד — 144
דער העלד — 145
1914 — 146
תרע״ח — 147
פרעמדע טריט — 148
רעקרוטען — 149
דער וואלונטיר — 150
אין וואלד — 151
פה-נקבר — 152
א שריפה — 153-54
צוריק מיט די זיעגער — 155-56

## 7. — קינדער

די ברכה פון רעגען — 159-61
דונער — 162
רעגען — 163
זיידע — 164
באבע — 165
א גאסט — 166-67
פאפא׳ס אינגעלע — 168-69
א זעלנער — 170-71
דער פיעדעל שפיעלער — 172
דער זינדיגער — 173-75
אין דער הוידעלע — 176
צעריסענע שיכעלעך — 177

דער ניט דערוואקסענער — — — — — — — — — — — — 178

## 8. — צעשאָטענע קאָרעלען.

דער באָבע'ס טאנץ — — — — — — — — — — — — 181-84
דיינע וועגען — — — — — — — — — — — — — 185
פאר כל נדרי — — — — — — — — — — — — — 186
נאָך נעילה — — — — — — — — — — — — — 187
הזכרת נשמות — — — — — — — — — — — — 188-89
דער קנויל — — — — — — — — — — — — — 190
דער קמצן — — — — — — — — — — — — — 191
דער פרומאק — — — — — — — — — — — — 192-93
דער באַליידיגטער — — — — — — — — — — — 194
איז א טראַמוויי — — — — — — — — — — — 195-96
באָר־פאָן (א צויבער מעשה'לע) — — — — — — 201-07
דאָס שטומע קעניגרייך (אלעגאַריע) — — — — 213-27